START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1913.26

Zonszajn, Jakub.
Prof'esor Shvartsshteyn: drame in 3 aktn, 5 bilder.
Varshe, 1950.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005-1913.26

Zonszajn, Jakub.
Prof'esor Shvartsshteyn : drame in 3 aktn, 5 bilder/ Ya'akov Zonsheyn.
Varshe : Farlag "Yidish Bukh", 1950.
66 p. ; 20 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B22627 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /29190

Reduction ratio X10.0

יעקב זאנשיין

פראפעסאר שווארצשטיין

יעקב זאנשײן

פּראָפֿעסאָר שוואַרצשטײן

דראַמע אין 3 אַקטן — 5 בילדער

פֿאַרלאַג „יידיש בוך“
וואַרשע 1950

2/29190

פערזאָנען:

פּראָפעסאָר שוואַרצשטיין —	60 יאָר אַלט
ראָזאַ — זיין פרוי	55 " "
אַננאַ — זייער טאָכטער	24 " "
יאָהאַן —	26 " "
קרימהילד פאָן היינאַו	42 " "
העלענע — איר טאָכטער — דערצויגן אין פּראָפ. הויז	23 " "
עריק —	26 " "
מאַרי —	45 " "
קורט —	38 " "
שטוב-מיידל — ביי קרימהילדן	19 " "
זיגפריד —	70 " "

געשטאַפּאָ-אָפיציר — אַ שכנטע — אַן אַרבעטער א.אַנד.

הילע פּראָיעקטירט: ק. גלעב

JAKUB ZONSZAJN
PROFESOR SZWARCSZTAJN
Dramat w 3-ch aktach 5 odsłonach
Wyd. „IDISZ-BUCH", WARSZAWA 1950

Druk. „Nowe Życie" Warszawa
Al. Gen. Świerczewskiego 79
B-1-120770

Printed in Poland

צייט פון דער האַנדלונג: 1943—1944.

אָרט פון דער האַנדלונג: דער ערשטער אַקט און דאָס ערשטע בילד פון צווייטן אַקט — אין אַ דייטשער קרייז־שטאָט, דער צווייטער אַקט און דאָס ערשטע בילד פון דריטן אַקט — אין אַ פאַרשטאָט פון אַזוי גערופענעם גענעראַל־גוווערנעמאַן, דער דריטער אַקט — דאָס לעצטע בילד — אין אַ דייטשער צענטער־שטאָט.

ערשטער אַקט

ערשט בילד

אַ צימער ביי פּראָפעסאָר שוואַרצשטיין. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף, הערט זיך דאָס מאַרשירן פון מיליטער אויפן גאַס. מוזיק. ווען דער דאָזיקער רעש פאַרשווינדט, הערן זיך פון ערגעץ אָפּגעריסענע ווערטער פון אַ ראַדיאָ־הילכער: טררר... יודען־קאָמוניסטען... טררר... נאַציאָנאַל־סאָציאַליז־מוס...״ ראָזאַ שטייט ביי דער טיר פון שלאָף־צימער, מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע. ווען דער מיליטער־מאַרש לעשט זיך אויס, גייט זי לאַנגזאַם צו צום פענצטער און קוקט אַרויס, פאַרזיכטיק אָפּביינגדיק דעם פאָרהאַנג. פון פּראָפעסאָרס צימער הערן זיך שריט, עס הערט זיך אַ טומל פון אַן אומגעפאַלענער שטול. באַלד ווערט ווידער שטיל. ראָזאַ גייט צו צום קרעדענס עפנט די טירלעך און זוכט אין די באַזונדערע אָפּטיילונגען.

ר אָ ז אַ: (אויסגעגלייכט. מורמלט אומרויק) נישטאָ מער גאַרנישט. — (פאַר־מאַכנדיק די טירלעך פון קרעדענס) שוין דער דריטער טאָג, ווי דער אַלטער גוטער זיגפריד ברענגט נישט מער גאַרנישט. — זאָל זיין,

מען זאָל אים האָבן געכאַפּט ביי דער שוועל. (מיטן בליק צו דער טיר פונעם פּראָפעסאָרס צימער) ער לעבט מיט זיין ביכער־וועלט, מיט זיין שרייבן... און איך? און א נ נ א?

פון אַריינגאַנג הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.

(געשפּאַנט) ווער איז? אַנגאַ? (זי גייט פאַרזיכטיק אין דער ריכטונג, עפנט די טיר.) ווער איז? אַך... געוויס איז דאָס זיגפריד. — (זי גייט גיך אַרויס און קערט זיך באַלד אום צוריק מיט אַ קלומיקל אין דער האַנט, גע־רירט) ער... דאָס האָט ער ווידער אונטערגעוואָרפן — זיגפריד! (מיט צי־טערנדיקע הענט פאַקט זי אויף דאָס קלומיקל. לייגט אַרויף אויפן טיש — ברויט, קאַרטאָפל, קאַווע) ברויט און קאָפי — דאַנקען גאָט... (זי טראָגט איבער דאָס ביסל פּראָדוקטן אין קרעדענס אַריין און נעמט זיך גלייך גרייטן דעם טיש; גייט נאָכהער אָפּ אויף אַ רגע אין קיך אַריין, צוריק־קומענדיק קלאַפּט זי אין טיר פון פּראָפעסאָרס צימער. עפנט) מיר וועלן פרישטיקן, היינריך!

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : זאָפאָרט, ראָזאַ.

ר אָ ז אַ : קום גליך, די קאָפי וועט קאַלט ווערן.

גייט אָפּ.

פּראָפעסאָר קומט אַרויס פון זיין צימער. ער זעצט זיך צום טיש און קוקט פאַרטיפט אין דעם בוך, וואָס ער האָט גע־בראַכט מיט זיך. ער מורמלט עפּעס מיט צופרידנקייט. ראָזע קומט מיט קאַווע — שטעלט זי אויפן טיש.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : (זיין שטים) גלייך־גלייך...

ר אָ ז אַ : וואָס לייענסטו, היינריך?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : (מיט באַגייסטערונג אין בליק) צי דערמאָנסטו זיך, מוטער, די נישט־פאַרענדיקטע באַלאַדע „ד אָ ן ז ש ו א ן" פון שילער, דאָס זעקסטע געדיכט, „צור יארהונדערטווענדע"

לייענט פון בוך:

„...אומגליקלעך גייט ער אַרויס פונעם קאַמף אָבער זיין ווערט האָט ער נישט פאַרלוירן. דאָס דייטשע רייך און די דייטשע נאַציע זיינען צוויי־ערליי זאַכן. דער מאַיעסטעט פון דעם דייטש רוט נישט אויף דעם קאָפּ פון זיינע פירשטן. אומאָפּהענגיק פון דעם פּאָליטישן, האָט

זיך דער דייטש אַן אייגענעם ווערט געשאַפן. און ווען זאָגאַר די אימ־פּעריע זאָל אונטערגיין, וועט אויך בלייבן די דייטשע ווערדע אומ־באַשעדיקט. זי איז אַ זיטלעכע גרויסאַרטיקייט, זי איז פאַראַן אין דער קולטור און אין דעם כאַראַקטער פון דער נאַציע און איז פון אירע פּאָליטישע שיקזאַלן אומאָפּהענגיק".

ר אָ ז א : (קייעט א טרוקן שטיקל ברויט און טרערן רינען איבער אירע באקן) שיללער...

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : דו ביסט נישט מיט אַלעמען, ראָזאַ, ביסט קראַנק.

ר אָ ז אַ : (וויינט שטיל) קראַנק בין איך?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : צי זענען נאָך קיין שווערע צייטן נישט געווען אין אונ־דזער לעבן, צי האָב איך מאָל געהערט דיין געוויין?

ר אָ ז אַ : באַמיט זיך צו באַהערשן אָבער דאָס געוויין רייסט זיך דורך אירע רייד) דיינע ווערטער, דיינע געדאַנקען, דיין עקשנותדיקער גלויבן אין מענטש, אין בוך — דאָס אַלץ איז געווען גוט ביז אַ געוויסער צייט, די יאָרן ביז ניינאונדרייסיק זיינען דאָך פאַר אונדז געווען אָפענע טירן אין דער וועלט אַריין!

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : צי איז עס דורכויס נויטווענדיק איצט צו דערמאָנען דאָס אַלץ?

ר אָ ז א : (זעצט פאַר, גלייך זי וואָלט זיין באמערקונג נישט געהערט) דו האָסט געזאָגט: אַזוי וועט עס נישט בלייבן! האָסט גערעדט וועגן דיינע דייטשע שילער, וועלכע דו האָסט דערצויגן, וואָס וועלן דאָס לעבן שטרעקן פאַר דיר, וועגן דעם פ אָ ל ק פון פילאָסאָפן. — דו הערסט דאָך אויך איצט נישט אויף צו גלויבן.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : (מיט ווארעמקייט אין דער שטים) ביסט אויפגערעגט, ראָזאַ. ביסט נערוועז... איך גלייב אין מענטשן!

ר אָ ז אַ : (מיט פאַראַכטונג) מענטשן... גאָט מיינער!

עס הערט זיך אַ העפטיק קלאַפּן ביים אַריינגאַנג.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : (מיט א לייכטן ציטער אין דער שטים) דו ביסט אַזוי איבערגעשראָקן! (שטייט אויף) געוויס איז דאָס...

ר אָ ז א : (האסטיק) ניין! גיי גלייך צו זיך אין צימער!

דאָס קלאַפּן ווערט שטאַרקער.

(בעטנדיק) נו, גיי, היינריך. איך בעט דיך!

דער פּראָפעסאָר פאָלגט זי צעגערנדיק.

פראפעסאר: (ביי דער טיר פון זיין צימער) ווער זאל דאס זיין? שכנים איז דאך פארבאטן אריינצוגיין צו אונדז!

פון הינטער די קוליסן הערט זיך א פרויען-שטימע.

פרויען - שטימע: פאר אייך — גענעדיקע פראו!
ראזא: אבער וואס איז דאס? מיין גאט! פון וועמען איז דאס?
פרויען - שטימע: ס'גאנץ עגאל. ס'איז באצאלט אויך פארן אפטראגן.
ראזא: (ווי פריער) אבער איך נעם דאס נישט! בעסטע פרוי איך בעט אייך (איר שטים דערווייטערט זיך) איך נעם דאס נישט... נעמט עס צוריק! נע־מ־ט...

די שטימען ווערן פארשוואונדן.

פראפעסאר: (פאר זיך) מערקווירדיק...

ראזא באווייזט זיך אין טיר.

ראזא: (העכסט באאומרויקט) מ'האט געבראכט צו אונדז פראדוקטן — דריי קוישן מיט פראדוקטן! איך ווייס נישט ווער, פון וועמען.
פראפעסאר: המ... דאס פריילין האט געוויס פארביטן דעם אדרעס. דארפסט דעריבער קיין לייד נישט האבן. ז' וועט געוויס באלד קומען עס צוריקנעמען.
ראזא: מעגלעך.

אין אריינגאנג באווייזט זיך העלענע.

פראפעסאר: (פריידיק איבערראשט) העלענע! האט דיך קיינער נישט באמערקט אריינגייענדיק אהער? (גייט איר אנטקעגן, נעמט זי פאר טערלעך ארום).
העלענע: כ'בין מיט דער הינטער־פארטקע געקומען. איך האב דאך א שליסל... א, טאנטע ראזא!

העלענע באפרייט זיך פון דעם פראפעסארס ארומארמונג
און לויפט צו צו ראזאן — נעמט זי ארום און קושט זי.

טאנטע ראזא, שוין איבער א מאנאט נישט געזען זיך. ווי באשעפטיקט איך בין! וואס מאכט איר? געזונט?
ראזא: א דאנק. מען לעבט!

העלענע: (פארוונדערט פון דעם קילן טאן) מען לעבט. אבער דאס איז איצט די הויפטזאך... מיר קומט פאר (קוקט איר אין געזיכט) — צי האב איך נישט געשטערט?
ראזא: (באמיט זיך אויף א ווארעמען אויסדרוק) גאר! באהיט! ווי גייט עס דיר, העלענע?
העלענע: מיר איז שווער צו זאגן. אבער איינס ווייס איך אויף געוויס: ווי שווער אונדזערע איבערלעבונגען זאלן נישט זיין, דאך — דער מארגן איז אונדזערער... מיר דארפן נאר שפארזאם פארווענדן אונדזער קראפט.
פראפעסאר: גוט געזאגט, מיין קליינע העלענע!
העלענע: כ'וויל האפן, אז איך וועל מיך אויך פארדינען אויף „זייער גוט", מיין פאטער און לערער.
פראפעסאר: מיר האבן אפגעמאכט, דו זאלסט מיך מער פאטער נישט רופן. המ... די ווענט... און
העלענע: (מיט תרעומות) צי בין איך נישט פון מיין דריטן לעבנס־יאר אויסגעוואקסן אויף אייערע הענט? זענט איר נישט נאכן טויט פון מיין פאטער מיר געווען אזעלכער?
פראפעסאר: דאך פארבאט איך דיר דאס גאנץ קאטעגאריש!
העלענע: האב איך זיך עס פארדינט?
פראפעסאר: געשוינט צו ווערן פון אומזיניקע אומאנגענעמלעכ־קייטן, וועלכע, ווי דו ווייסט, פארנעמען איצט אן אנגעזעען ארט אין אונדזער לעבן.
העלענע: (גייענדיק צו אים) אונדזער לעבן. ווי ענג מיר איז דאס דא־זיקע לעבן. ווי באנג אין דער איינזאמקייט פון מיין אייגענער היים. ווי לאנג איך בין שוין דא נישט געווען. ווי וואלט איך געקאנט לעבן, ווען איך זאל נישט קאנען אנאטעמען זיך, כאטש פון צייט צו צייט, מיט אביסל ריינע לופט פון אונדזער...
פראפעסאר: (העלפט זי אונטער) נו, געוויס — אונדזער, מיין קליין־גרויסע העלענע.
העלענע: ...פון אונדזער שטוב.
פראפעסאר: דאך זייער גוטע דעליקאטעסן טאר מען נישט נוצן צו אפט! וואס הערט מען נייעס?
העלענע: (באלעבט) זיי זאגן, אז היינט־מארגן, איז גאנץ רוסלאנד פארנומען...(שטיל) דערווייל האבן מיר געהערט דעם אויסלענדישן ראדיא — אונדזערע טרעטן אפ...

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: טרעטן אַפּ! המ... אויסלאַנד... ראַדיאָ... ווירקלעך ראַדיאָ געהערט פון אויסלאַנד?!

ה ע ל ע נ ע: אין געהיים, פאַרשטייט זיך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אין געהיים? (ער שפּאַנט אַדורך דאָס צימער, בלייבט שטיין לעבן העלענען, לייגט אַרויף פּאַטערלעך אַ האַנט אויף איר אַקסל) העלענע, איך וויל האָפן, אַז דו האָסט נישט ווידער באַנייט דיין קאָנטשאַפט מיט ד י...

ה ע ל ע נ ע: איך האָף, פּאַטער, אַז איר וועט הײַנט שוין מער נישט שרייען אויף מיר צוליב דעם... עס זיינען די איינציקע, וואָס זאָגן די וואָרהייט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: ביסט אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, העלענע, אָבער דאָך — מיט ז יי...

ה ע ל ע נ ע: עס טוט ווי, ווען איר טראַכט נאָך אַלץ אַזוי... (פּלוצלינג) טאַנטע ראָזאַ!

ר אָ ז אַ: (וועלכע האָט זיך ביז איצט געפּאָרעט איבערן צימער, בלייבט שטיין לעבן איר) וואָס ווילסטו זאָגן, מיין מיידעלע?

ה ע ל ע נ ע: נענטער, נענטער...(נעמט ביידע אַרום) איך האָב דאָך אַזאַ וויכטיקע באַריכט פאַר אייך! אייַנע! גראַדע צוויי! און ביידע צוזאַמען באַדייטן אַ הונדערט־פּראָצענטיקע פאַרזיכערונג, אַז קיינער וועט מער קיין רעכט נישט האָבן אייך מערער צו רירן פון אָרט. אָ, טאַנטע ראָזאַ, ס'גלויבט זיך אייך נישט?

ר אָ ז אַ: אַ סך גלויבנס, מיין קינד, זיינען שוין דורך דער צייט צעשטערט געוואָרן.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אַ שלעכטע דערציערין וואָלסטו געווען, מיין מו־טערל...

ה ע ל ע נ ע: ערשטנס, האָט דער גענעראַל פאָן בערגען הייַנט אַרויס־באַקומען אַ פאַרזיכערונג פון פּאָליטישן שטעלפאַרטרעטער, אַז אייער פאַמיליע ב ל יי ב ט...

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: גענעראַל פאָן בערגען?

ה ע ל ע נ ע: געדענקט איר נישט אייער שילער עריק פאָן בערגען?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אַך — עריק...

ה ע ל ע נ ע: דעם גענעראַלס זון. ער אַרבעט אין שטאַב פון דער ווער־מאַכט. ער איז מיין פריינד. מיר האָבן צוזאַמען געמיט זיך ביים גענע־ראַל; אַ גאַנצן מאָנאַט האָט עס אַזוי געדויערט. איך האָב געהאַט באַ־שלאָסן, נישט צו וויזן זיך, ביזוואַנען עס וועט נישט זיין דורכגע־בראַכן.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: דו הערסט, טאַנטע ראָזאַ...

ר אָ ז אַ: (מיט אומצוטרוי) איך וויל האָפן.

ה ע ל ע נ ע: און אויסער דעם — ענדלעך באַקומען אַ בריוו פון מיין מוטער. מיר קומט פאַר אויסטערליש איר שרייבן. איך קען זי פאַר־זענלעך אַזוי ווינציק! די לעצטע קריג־יאָרן האָב איך זי שוין אין־גאַנצן נישט געזען. אין די אַלטע צייטן געדענקט איר דאָך, ווי זעלטן און ווי קורץ עס פלעגן זיין אירע וויזיטן.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: עס איז געווען די שולד פון איר צווייטן מאַן.

ה ע ל ע נ ע: אָבער — זי אַרבעט ביי ז יי! (פּויזע) וואָס פאַר אַ האַר־ציקע בריוו. זי איז גרייט, שרייבט זי, דאָס לעבן אָפּגעבן פאַר אייך, פאָטער און טאַנטע; הייַנט־מאָרגן וועט אַרויסגעשיקט דורך איר אַן „איינערנער בריוו" פאַר אייך. ס'איז אַ שטאַאַטס־באַפעל, עס זאָל קיי־נער נישט וואַגן זיך קעגן אייך!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (קוקט זייטיק אויף דער פרוי. גערירט) איז ווערט אַזאַ גרויסן קאַמף פירן צוליב...

ה ע ל ע ע נ ע: הייַנט אין אָוונט בין איך ווידער דאָ, אָבער מיט מיין פריינד, מיט עריקן.

ר אָ ז אַ: (אומרויק) אין אָוונט?

ה ע ל ע נ ע: געדענקט איר נישט, וואָס פאַר אַ טאָג הייַנט איז?

ר אָ ז אַ: הייַנט איז דאָנערשטיק.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אָ, דיין געבורטס־טאָג, העלענע!

ה ע ל ע נ ע: הייַנט אין אָוונט וועלן מיר באַנייען די טראַדיציע. איך וואָלט נישט געוואַגט, ווען נישט די דערגרייכונגען אונדזערע, אַזעלכע באַדייטנדיקע, אַזעלכע דערפרייענדיקע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אָבער העלענע, דאָס איז דאָך... נו, גוט, מיר וועלן וואַרטן אויף אייך.

פּראָפעסאָר גייט אַפּ צו זיך אין צימער.

ר אָ ז אַ: (זי האָט איבער עפּעס געטראַכט. פּלוצלינג) דו האָסט עס גע־שיקט די דריי קרישן פּראָדוקטן?

ה ע ל ע נ ע: גאַנץ ריכטיק.

ר אָ ז אַ: מיר האָבן זיך דערשראָקן צוליב דעם... (מיט אַ געענדערטן טאָן. שטיל) איך וויל זאָלסט מיר ענטפערן אויף צוויי פראַגן, העלע־נע, איך מוז דאָס וויסן.

ה ע ל ע נ ע: איך האָב פאַר אייך נישט קיין סודות, ליבע טאַנטע.

ר אָ ז א: זיגפריד אַרבעט נאָך אַלץ אַלס גערטנער אין אונדזער גימנאַזיע?

ה ע ל ע נ ע: יאָ.

ר אָ ז א: ער איז פון אַלע יאָרן אַן אָרעמאַן, פון וואַנען נעמט ער. יעדע עטלעכע טעג ברענגט ער אונדז פּראָדוקטן. איך האָב אים אייניקע מאָל אָפּגעוואַרט ביי דער טיר. ער וויל נישט רעדן. ער לייגט אַוועק די פּראָדוקטן אויף דער שוועל און גייט אַוועק.

ה ע ל ע נ ע: זינט זיין עלטסטער זון איז אומגעקומען, האָט ער אויפגעהערט אינגאַנצן רעדן צו מענטשן.

ר אָ ז א: וואַלטער...

ה ע ל ע נ ע: יאָ. וואַלטער.

ר אָ ז א: אויפן פראָנט אומגעקומען?

ה ע ל ע נ ע: ניין. מ׳האָט געפונען ביי אים ליטעראַטור.

ר אָ ז א: בלויז פאַר דעם?

ה ע ל ע נ ע: מ׳האָט געפונען אויך אַנדערע זאַכן.

ר אָ ז א: אומגליקלעכער(פּויזע) צי איז מעגלעך, אַז ער גיט אונדז אַוועק זיין ברויט?

ה ע ל ע נ ע: די ערשטע צייט איז דאָס אַזוי געווען.

ר אָ ז א: און היינט?

ה ע ל ע נ ע: ער איז נישט דער איינציקער.

פּויזע.

ר אָ ז אַ: ווו און מיט וועמען קומט זיך צונויף מיין טאָכטער? לעצטנס גייט זי אָפּט אַוועק פון שטוב אויף גאַנצע שעהן. דו ווייסט דאָך, נישט וואָר?

ה ע ל ע נ ע: יאָ. דאָס... ניין, וואָס אַנבאַלאַנגט אננא ווייס איך אַזוי פיל, דאָס זי קומט צו פריינדינס. איך בין זייער באַשעפּטיקט, ווי איר ווייסט.

ר אָ ז א: דאָך האָסטו מיר די וואָרהייט נישט געזאָגט.

עס קלינגט ביי דער טיר.

דאָס קומט אננא!

ה ע ל ע נ ע: (נעמט ארום ראָזאן) אַנטשולדיקט מיר! כ׳וועל מיך באַמיען זי זאָל איך אַליין זאָגן. נאָר — איילט נישט.

ר אָ ז אַ: א דאַנק!

ראָזאָ גייט אָפּ. אין טיר באַווייזט זיך אַננאָ.

א נ נ א: העלענע!

העלענע לויפט איר אַנטקעגן. זיי פאַלן זיך אויף די העלדזער, קושן זיך.

א נ נ א: נו, גענוג געקושט זיך, העלענע. ווי גייט עס דיר?

אַרומגענומען גייען זיי טיפער אין צימער אַריין.

ה ע ל ע נ ע: היינט אין אָוונט, זעען מיר זיך. דאָ... מיין געבורטס־טאָג. אויך עריק וועט זיין.

א נ נ א: (גערירט) ס׳וועט זיין זייער אָנגענעם.

ה ע ל ע נ ע: אַזוי פיל האָב איך מיט דיר צו רעדן. נאָר — אַז דו ביסט אַזוי שפּעט געקומען. איך האָב נאָך באַשעפטיקונג היינט און איך מוז זיין אויפן פּלאַץ...

א נ נ א: וועסט דאָך אין אָוונט זיין ביי אונדז.

ה ע ל ע נ ע: (טרוימעריש) מיט עריקן... ווען דו זעסט, ווי ער איז אויסגעוואַקסן!

א נ נ א: (טוליעט זי צו זיך) ער איז א גוטער יינגל.

ה ע ל ע נ ע: יאָהאַן קומט?

א נ נ א: (טרעט אָפּ אויף אייניקע שריט פון איר) זייער זעלטן. בעסער ער זאָל אינגאַנצן נישט קומען!

ה ע ל ע נ ע: ווי?

א נ נ א: ער איז נישט פאַר מיר...

אַננאָ גייט צו צום פענצטער. העלענע קוקט איר נאָך מיט אַ שטוינענדיקן בליק.

ה ע ל ע נ ע: י אָ ה א ן?

א נ נ א: (נייגט א ביסל אָפּ דעם פאָרהאַנג, קוקט אָנגעשטרענגט ארויס דורכן פענצטער) ער איז א דייטש.

ה ע ל ע נ ע: וואָס רעדסטו?

פּויזע.

פון גאַס דרינגט אַריין אַ ווייטע, אומעטיקע פידל-מעלאָדיע.

א נ נ א: (פאַר זיך) אין שטאָט רעדט מען וועגן אונדז ווי וועגן די לעצטע, וואָס ווערן פאַרהאַלטן פון דער אויבערמאַכט צו מוזעאַלע צוועקן; זיי וואַרטן, ווען מען וועט אונדז אין א שטייג אַריינזעצן און פירן איבער

די גאַסן.(זי שלעפּט ארויס פון בוזעם א געלע לאַטע) מיט אַט דעם שאַנד־צייכן!

ה ע ל ע נ ע: זיי פאַרטונפּטיק. די, וואָס רעדן און טראַכטן אַזוי, זײַנען נישט ווערט זאָלסט זיי דערמאָנען. עס זײַנען דאָ א נ ד ע ר ע, אננא...

א נ נ א: (ביטער) וואָס רעדן נישט און טראַכטן נישט, נאָר טוען בלינד אַלץ, וואָס מען באַפעלט זיי!

ה ע ל ע נ ע: מיט אַזעלכע געדאַנקען פאַרשליסטו פאַר זיך דעם וועג צום לעבן.

א נ נ א: ל ע ב ן... שוועסטערל, איך האָב מיך שוין גענוג זאַט אָנגעטראַכט דערוועגן. אָבער איינס וויל איך דיר זאָגן — אַמבעסטן און אַמקלאָרסטן טראַכט זיך וועגן לעבן אין יענע רגעס, ווען דער טויט ווערט אויס איבעראַשונג. ל ע ב ן איז דאָך נישט קיין אייביקייט, ס'זאָל לוינען זיך אַזוי צו דערנידעריקן צוליב דעם.

ה ע ל ע נ ע: (אומרויק) אננא, אויב שטאַרבן — איז פאַר עפּעס! באַדענק זיך: אַנטלויפן פאַר שווערקייטן אין לעבן צום טויט, דאָס איז דאָך דאָס קלענסטע, וואָס קאָן נאָר זײַן!

א נ נ א: דעם פאָטערס לערע — איך לייקן נישט אין דעם.

ה ע ל ע נ ע: צי בלויז נאָר דעם פאָטערס?

א נ נ א: (פאַרטראַכט) אין סאַמע אָנהויב, ווען איך האָב פּלוצלינג פאַרלוירן דאָס ה יי מ ל א נ ד...

ה ע ל ע נ ע: דאָס הער איך פון דיר צום ערשטן מאָל!

א נ נ א: (זעצט פאָר איר געדאַנק) ...האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב אויך מײַן ו י ר ד ע פאַרלוירן. צי קאָן א מענטש, וואָס פאַרלירט זײַן ווירדע שטאַרבן מיט כבוד? די דאָזיקע פראַגע האָט מיך געמאַטערט וואָכן־לאַנג... מיר זײַנען ייִדן!

ה על ע נ ע דער פאָטער האָט קיינמאָל נישט געלייקנט זײַן אָפּשטאַם!

א נ נ א: נישט לייקענען איז ווינציק, ווען מען גייט אין א פרעמד קלייד, וואָס ווערט פון לײַב מיט שפּאָט געריסן...

ה ע ל ע נ ע: דו טרײַבסט איבער, מײַן גוטע אננא. און די טויזנטער דײַטשע פּאַטריאָטן, וואָס ווערן פאַרפּײַניקט און דערמאָרדעט אין די קאָנצלאַגערן, האָבן אויך זייער ווירדע פאַרלוירן?

א נ נ א: זייער טויט האָט א זין.

ה ע ל ע נ ע: ס'איז דאָס זעלבע, גענוי דאָס זעלבע.

א נ נ א: מיר זיצן רויק און וואַרטן אויפן טויט.

ה ע ל ע נ ע: און יאָהאַן? פאַרוואָס ביסטו נישט מיט יאָהאַנען? (פאַר זיך) איך האָב פון אים אַזוי פיל געלערנט.

א נ נ א: דו פאַרשטייסט מיך נישט, העלענע. און די א י ב ע ר י ק ע מ י ר א ל ע... זעסטו אים אָפט?

ה ע ל ע נ ע: כ'האָב שוין לאַנג נישט געזען אים. א גאַנצן מאָנאַט איז ער געווען אויסבאַהאַלטן ביי מיר אין צימער. דאָס איז א מענטש, אננא! ער האָט אַזוי שיין גערעדט וועגן דיר. האָסטו אים ליב?

א נ נ א: מיט א צײַט צוריק האָט ער מיר ביכער געבראַכט.

ה ע ל ע נ ע: דערמאָנסט זיך, ווי רויק ער האָט פאַרלאָזט דעם קלאַס, ווען מען האָט זײַן גרופּע אַנטדעקט, ווי שטאָלץ. און ער איז דאָך פון אַזאַ אָרעמער היים.

א נ נ א: יאָ, ער איז שטאָלץ.

ה ע ל ע נ ע: דו ווייסט, אננא, די מוטער האָט מיך הײַנט געפרעגט, וויהין דו גייסט, מיט וועמען דו טרעפסט זיך. זי איז אומרויק, זי לײַדט.

א נ נ א איך קען נישט אַנדערש. איך מוז גיין! טאָג־טעגלעך פירט מען זיי... די לעצטע...

ה ע ל ע נ ע: אַך — אַזוי... טאָ זײַ מיר געזונט!

א נ נ א: דו אײַלסט זיך. (קושט העלענען) גיי, שוועסטערל. די מוטער וועל איך שוין באַרויקן.

העלענע קלאַפּט אָן אין פּראָפעסאָרס צימער און גייט אַרײַן. זי קערט זיך באַלד אום צוריק אַ צעשמייכלטע. דער פּראָפעסאָר קומט הינטער איר.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: נאָר פאָרזיכטיק ביים ארויסגיין.

א נ נ א: מיט דער הינטער־טיר, העלענע.

העלענע שיקט זיי אַ לופט-קוש. גייט אָפּ.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (גייט צו צו אננאן) אַ, אננא.

א נ נ א: (גייט אים אַנטקעגן) מײַן פאָטער... (קושט אים) ווי גייט עס מיט דער ארבעט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: ווי בעת א שלאַכט — אָן אַ צאָל שטערונגען.

א נ נ א: דער זיג וועט דערפאַר זײַן טאָפּלט אָנגענעם.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: זיג... (צעשמייכלט זיך פּלוצלינג) זאָג מיר, מײַן מיידעלע, מיט וואָס פאַר א וואָרט אַסאָציִרט זיך ביי דיר אין געדאַנק דאָס וואָרט ז י ג? נאָר גיך...

אננא: (ווי בעת אן עקזאַמען) אז איך הער דאָס וואָרט זיג, שטעלט זיך מיר פאָר דאָס וואָרט גערעכטיקייט.

פראָפעסאָר: (כאַפּט זי פריידיק אַרום) ביסט מײַן!

אננא: (לאַכט) אָבער... פאָטער... דאָס האָסטו דאָך אונדז אליין געלערנט נאָך אין פערטן קלאַס גימנאַזיע.

פראָפעסאָר: (קנייטשט דעם שטערן) ווי זאָגסטו — נאָך אין פערטן קלאַס? המם.

אננא: א־פּראָפּאָ... פריץ הענקעל געדענקסטו?

פראָפעסאָר: (נאָך א ווײַל) יאָ־יאָ... גאַנץ געטרי. איינער פון די בעסטע שילער געווען.

אננא: דער פריץ הענקעל איז איצט די צווייטע האַנט פון ד"ר געבעלס.

פראָפעסאָר: (אויסער זיך) פון דעם...

אננא: מיט איניקע טעג צוריק האָט ער געהאַלטן א רעדע אין ראַדיאָ, געטרי, וואָרט אין וואָרט, דײַן לעקציע. זיג און גערעכטיקייט. ער האָט אין געוויסע מאָמענטן זאָגאָר נאָכגעמאַכט דײַן טאָן...

פראָפעסאָר: א פליסיקער שילער געווען... הם... (ער שפּאַנט איבערן צימער) א לעבעדיקע סטענאָגראַפיר־מאַשין. קיין אייגענעם געדאַנק האָט ער אָבער קיינמאָל נישט געהאַט; ער האָט נישט געדייעט די קערנער, וואָס זײַנען געוואָרפן געוואָרן אין אים. אַזוי האָב איך אים טאַקע כאַראַקטעריזירט אויף דעם פּעדאַגאָגישן ראַט צו די מאַטורע־עקזאַמענס... הם... (ער גייט צעשטרייט צו זײַן צימער)

פראָפעסאָר אָפּ.

ראָזאַ שטייט אַ לענגערע ווײַלע אין טיר און קוקט פאָרשעריש.

אויף אַננאַ.

ראָזא: אננא!

אננא: פאַרצײַ מיר, מוטער. איך בין איצט אַזוי מיד...

ראָזא: דו שלאָפסט נישט די נעכט.

אַננאַ מיט די הענט אויפן קאָפּ איז אַוועק צום פענצטער. זי בלײַבט שטיין. קוקט אַרויס דורכן פאָרהאַנג.

אננא: איז קיינער נישט געווען?

ראָזא: (אומרויִק) ווער האָט זיך געדאַרפט זײַן?

אננא: (מיט א נערוועזן שמייכל) ווער? אַך, איך ווייס ווירקלעך נישט וואָס איך רעד.

ראָזא: גיי לייג זיך. איך וועל דיר געבן איניקע בראָם־טראָפּנס. עס וועט דיר גוט מאַכן.

אננא: א דאַנק מוטער. ס'וועט אליין איבערגיין.

ראָזא: האָסט נאָך נישט געגעסן הײַנט, אננא.

אננא: איך וויל נישט איצט, מוטער. שפּעטער. איך וויל איצט זײַן אליין.

ראָזא: (זיפצט טיף אָפּ) אין קיך־צימער האָסטו אַלץ.

ראָזאַ גייט אָפּ.

אַננאַ: (קוקט אָנגעשטרענגט דורכן פענצטער. מורמלט) יאָהאַן... יאָהאַן...

פון גאַס דערהערט זיך די, פריער איבערגעריסענע מעלאָדיע. אַננאַ שפּאַנט אַדורך דעם צימער. בלײַבט שטיין לעבן אויוון. פאַרזיכטיק עפנט זי דאָס אונטערשטע טירל און נעמט אַרויס אַ דינימשקע בראָשור. צוריק פאַרמאַכט דאָס טירל, גייט זי מיט דעם צום טיפן פאָטער-שטול און זעצט זיך.

אננא: (מישט אַדורך עטלעכע בלעטלעך. קוקט אַרײַן אין טעקסט) ער האָט דאָס אונטערגעשטראָכן... (לייענט) „...די אַרבעטער האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד. מע קאָן בײַ זיי נישט אַוועקנעמען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט. צוליב דעם, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט — מוז פאַר־אַלעם דערא־בערן פאַר זיך די פּאָליטישע הערשאַפט, דערהייבן זיך צו דער שטו־פע פון אַ נאַציאָנאַלן קלאַס, קאָנסטיטוירן זיך זעלבסט אַלס נאַציע, איז ער אַליין נאָך נאַציאָנאַל, כאָטש אין קיין פאַל נישט אין דעם זין, ווי די בורזשואַזיע פאַרשטייט עס.

פויזע.

„... אין דער זעלביקער מאָס, אין וועלכער עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן די עקספּלאָאַטאַציע פון איין מענטש איבער דעם אַנדערן, וועט פאַרניכטעט ווערן אויך די עקספּלאָאַטאַציע פון איין נאַציע איבער דער אַנדערער.

אײַנאיינעם מיט די קעגנזאַצן צווישן די קלאַסן אינעווייניק פון דער נאַציע וועט אָפּפאַלן אויך די פײַנטלעכע באַציִונג פון די נאַציעס אײנע צו דער אַנדערער".

אַננאַ פאַרזינקט אין געדאַנקען. די מעלאָדיע רײַסט זיך אי־בער. פון גאַס טראָגט זיך פאַרבײַ אַ ראַשיקער מיליטער־מאַרש. שריט. קלאַנגען און ווערטער פון האָרסט־וועסל־ליד.

דער רעש דערווייטערט זיך, פארשווינדט. א שטיל קוים הער־באר קלאפן אין טיר. אננא הערט נישט. די טיר עפנט זיך לאנגזאם. עס קומט אריין יאהאן.

יאהאן: (מיט א שעפטש) אננא!

אננא: (אויפגעציטערט) א־א... (פארשטעקט די בראשור הינטער זיך. שטייט גיך אויף. גייט שנעל און דאך צוריקגעהאלטן צו אים. צע־מישט.) יאהאן!

יאהאן: (נעמט אירע הענט אין זיינע) אננא... וואס מאכסטו? שרעקלעך לאנג ווי מיר האבן זיך נישט געזען. זעקס וואכן, דאכט זיך, מער!

אננא: יא. איבער זעקס וואכן.

יאהאן: איך האב מיך דאס לעצטע מאל נישט אפגערעדט מיט דיר, ווייל (שמייכלט) די דאזיקע רייזע מיינע האט מיך געקאנט פארהאלטן אויף א פאר יאר... ערגעץ אנדערש!

אננא: ווי רויק דו רעדסט וועגן דעם.

יאהאן: דאס איז מיין וואפן, אננא. אן דעם, אין מיין לאגע, קאן מען ווייט נישט דערגיין.

אננא: האסט רעכט.

יאהאן: אננא, ווי בלאס דו ביסט! צי האט עפעס פאסירט?

אננא: (אומרויק) ניין־ניין. גארנישט!

יאהאן: (ווארעם) דו טראגסט עפעס אויפן הארצן... זאג, אננא, אונדזער היינטיקע טרעפונג איז פון גרויסער וויכטיקייט.

אין אננאס בליק בליצט אויף א שטארקע פאראינטערעסי־רונג, זי אונטערדריקט זי אבער תיכף.

אננא: (מיט אנשטרענגונג) דו האסט נישט באדאפט קומען. איך האב דיך געבעטן, זאלסט מער נישט קומען צו אונדז. עס וועט בעסער זיין פאר אונדז ביידע... דיין ארבעט, דיין לאגע... ביסט גענוג איינגע־שטעלט אן מיר...

יאהאן: פאר אונדז ביידע וועט דאס בעסטע זיין, ווען מיר וועלן זיין צוזאמען.

אננא: קיינער פארשטייט מיך נישט...

יאהאן: אננא, איך פארשטיי דיך אויסגעצייכנט גוט. נאר דו אליין טראכסט שלעכט וועגן זיך. דו ווילסט גיין מיט מיר נישט בלויז ווי א פרוי מיט א מאן — ווי א קאמראד! מיין ארבעט וועט זיין דיין ארבעט, מיין לאגע — דיין לאגע...

אננא: דו... איך... (פארהאקט זיך).

יאהאן: (פויזע) צי איז אייך באוווסט די לעצטע פארארדענונג פון גער שטאפא?

אננא: מיר איז זי באוווסט. איך בין געווען אין שטאט.

יאהאן: די עלטערן ווייסן פון דעם?

אננא: זיי ווייסן נישט.

יאהאן: האסט באדארפט זיי איבערגעבן. די מערהייט, וואס ווערט ארויסגעפירט, גיבן זיך נאך קיין רעכענונג נישט אפ וווהין מען פירט זיי; וואס עס דערווארט זיי דארט.

אננא: איך האב געפרווט אמאל רעדן מיטן פאטער וועגן דעם. ער וויל אפילו נישט הערן.

יאהאן: דאס איז נישט גוט...

פויזע.

אננא: (קוקט אויף יאהאנס שלייפן) ווערסט גרוי, יאהאן.

יאהאן: (הייטער) אבער נישט אלט, אננא... (מיט אן ערנסטער שטים) אונדזער היינטיקע טרעפונג דארף דעצידירן וועגן גורל פון דיינע עלטערן. ס'איז אלץ פארבארייט, זיי זאלן אן שוועריקייטן פארשווונדן פון שטאט.

אננא: דאס איז די איינציקע רעטונג. איך גלויב נישט אין זייערע פאר־זיכערונגען... העלענע איז היינט געווען ביי אונדז. צוזאמען מיט עריקן האבן זיי זיך געמיט ביים גענעראל פאן בערגען, דער גענעראל פאן בערגען האט ארויסבאקומען ביים פאליטישן שטעלפארטרעטער א פארזיכערונג.

יאהאן: אבסאלוט ריכטיק. דער גרעסטער אומזין איז גלויבן אין זייערע פארזיכערונגען. די צרה איז נאר, וואס זיי מאכן דאס זייער גלויבנס־ווירדיק... (דעצידירט) איך מוז גלייך רעדן מיט דיין פאטער!

אננא: (קוקט אויף אים מ[illegible]ט באוווּנדערונג) גלייך רוף איך אים אריין.

אננא גייט אפ.

יאהאן גייט צו צום פענצטער. קוקט ארויס. מורמלט אומ־רויק: צום טייוול — „א פארזיכערונג!...” ער גייט צוריק אויף זיין ארט.

דער פראפעסאר קומט ארויס פון זיין צימער. הינטער אים, א דערנערווירטע, אננא.

פראפעסאר: (האט אים דערקענט. שטוינענדיק) יא־האן?

יאָהאַן: דאָס בין איך, הער פּראָפעסאָר!

פּראָפעסאָר: (וואַרפט א צעמישן בליק פון אננען אויף יאָהאַנען. שרעק און כעס קלינגען אין זיין שטים) וואָס דאַרפט איר פון מיר?

יאָהאַן: (רויק) איך ...

פּראָפעסאָר: (לאָזט אים נישט אויסרעדן) איר ווילט אַן אומגליק ברענגען אויף מיין הויז?! ווייסט איר נישט, וואָס עס קאָן פּאַסירן, ווען מען זאָל אייך דאָ טרעפן?!

יאָהאַן: (געדולדיק) הער פּראָפעסאָר...

פּראָפעסאָר: (צו אננא) פאַרוואָס האָט מען אים אריינגעלאָזט?

אננא: (מיט ווייטיק) פאָטער!

פּראָפעסאָר: (צו יאָהאַנען) זענט איר ביים זינען?

יאָהאַן: (ווי פריער) הער פּראָפעסאָר...

פּראָפעסאָר: פּראָפעסאָר! איך בין עס נישט מער! איך האָב נישט קיין שום אָנגעלעגנהייטן. מיט קיינעם נישט. מיט קיינעם נישט!

ראָזאַ קומט אריין, באַאומרויקט פון דעם טומל, דערשראָקן דערזעענדיק אַ פרעמדן מענטש.

ראָזאַ: גאָט מיינער! היינריך...

פּראָפעסאָר: (הערט זי נישט. צו יאָהאַנען) איך בעט אייך, איך פּאָדער פון אייך — גלייך פאַרלאָזט מיין הויז!

אננא: (מיט פאַרביטערונג, צו דער מוטער) אַ מוטער, אַ מענטש איז געקומען אונדז ראַטעווען — מען באַליידיקט אים!

פּראָפעסאָר: אומזין! (קוקט א רגע צעמישט אויף אננא) ראַטעווען... המ... (גייט איבערן צימער) ראַטעווען... אַ מענטש איז געקומען.

ראָזאַ: באַרויק זיך, היינריך.

פּראָפעסאָר: (אין זיין נערוועזן גאַנג איבערן צימער האָט, פאַרביי־גייענדיק, אַ הויב געטאָן די צעעפנטע בראָשור, וועלכע אננא האָט נישט־פאַרזיכטיק אויף דעם פּאָטער־שטול געלאָזט ליגן) אַ מענטש וואָס דורך אים קאָן אונדזער הויז אין אן אויגנבליק צעשמעטערט ווערן...

אננא: (האָט עס צו שפּעט באַמערקט. זי גייט גיך צו צום פאָטער, וויל אים דאָס ארויסנעמען פון האַנט) ס'איז איניקע בלעטלעך...

פּראָפעסאָר: (האָט עס שוין דערלאַנגט צו איר האַנט, ער נעמט עס אָבער גלייך צוריק און טראָגט עס צו די אויגן) איניקע בלעטלעך.. (לייענט).

אננאַ און יאָהאַן קוקן זיך איבער.
פּויזע.

פּראָפעסאָר: (לייענט פאַר זיך) „די אַרבעטער האָבן נישט קיין פּאָ־טערלאַנד. מען קאָן ביי זיי נישט אָפּנעמען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט"... (וואַרפט א בליק אויף אננען. קוקט ווייטער אין דער בראָשור. פאַר זיך:) „...איינציקע מיט די קעגנזאַצן צווישן די קלאַסן אינעווייניק פון דער נאַציע וועט אָפּפאַלן אויך די פיינטלעכע באַציונג פון די נאַציעס איינע צו דער אַנדערער."...

פּראָפעסאָר קוקט אָנגעשטרענגט אויף אננאַ, קנייטשט דעם שטערן...

דאָס... דאָס איז דאָך... דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט. דו־ו? (פירט דעם בליק פון אננא אויף יאָהאַנען און צוריק) מיט זיי? (דאָס לעצטע וואָרט הערט מען קוים ארויס)

אננא: (מיטן בליק אויף יאָהאַנען) זיי האָבן מיר דאָס פאָטערלאַנד און די מענטשלעכע ווירדע צוריקגעגעבן!

פּראָפעסאָר: (צו ראָזאַן) דו הערסט?

אננאַ נעמט ארויס פון זיין האַנט די בראָשור.

ראָזאַ: וואָס קענסטו מאַכן. אויך גאָט איז קעגן אונדז!

פּראָפעסאָר: (צו אננא) פאַרברען עס! זאָפאָרט פאַרברען! געפינט מען דאָס ביי אונדז, איז עס טויט פאַר אונדז אַלע!

יאָהאַן נעמט ארויס די בראָשור פון איר האַנט, באַהאַלט זי צו זיך אין בוזעם.

(צו יאָהאַנען) פון אייך שטאַמט דאָס?

יאָהאַן: (באַהערשט) פון מיר, הער פּראָפעסאָר!

פּראָפעסאָר: (צו אננא) זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע ענלעכע זאַכן ביי אונדז אין הויז?

אננא: נישטאָ מער, פאָטער.

פּראָפעסאָר: (צו יאָהאַנען) איך האָב אייך געזען. איר קאָנט גיין.

אננאַ: און איך!

פּראָפעסאָר: דו? (צו יאָהאַנען) געפאַנגען זי אין אייער פּראָפּאַגאַנדע־נעץ... פאַרסמט איר נשמה.

יאָהאַן: (רויק) מיר פאַנגען נישט קיין מענטשן. — מיר באַפרייען זיי.

פּראָפעסאָר: (קוקט זיך אומרויק ארום. זעצט זיך. צו יאָהאַנען) ביטע — איך הער אייך!

יאָהאַן: איך קום אין נאָמען פון א גרופּע מענטשן, וואָס זאָרגן וועגן

שיקזאל פון אייער פאמיליע. לויט דער לעצטער פאראָרדענונג פון דער געשטאפּאָ, דארף זיך די שטאָט אין פארלויף פון איניקע טעג אבסאָלוט יודן־ריין. אלע פּריוויעלעגיעס פאר פערזאָנען פון יידן־אָפּשטאַם זיינען מער נישט גילטיק (מיט אויסדרוק) די דערמאָנטע גרופּע מענטשן האָט באשלאָסן העלפן אייער פאמיליע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: ווער זיינען די מענטשן?

י אָ ה אַ ן: די מענטשן זיינען אייך פערזענליך זייער גוט באקאנט. איר וועט באקומען דאָקומענטן און א רייזע־שיין. ביי די מענטשן, וואָס וועלן אייך נעמען צו זיך, וועט זיך אייער פאמיליע פילן אינגאַנצן זיכער.

ראָזאָ, אַננאַ קוקן אָנגעשטרענגט אויפן פּראָפעסאָר.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: מיר דאנקען זייער די מענטשן פאר זייער גוטן ווילן. מיר האָבן אָן אויטאָריטעטיווע פארזיכערונג פון פּאָליטישן שטעלפארטרעטער.

י אָ ה אַ ן: מיר ווייסן דערפון. מיר האָבן די זאך באטראכט לויט די הערפארונגען פון דער סאמע לעצטער צייט. מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אז ס'איז נישטאָ קיין גרונט צו גלויבן איך די פארזיכערונגען. דער בעסטער און זיכערסטער וועג איז פארשווונדן פון זייערע אויגן.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: פארשוווּנדן!

ר אָ ז אַ: ער איז גערעכט. פארשווונדן דארף מען, היינדיך, פארשווונדן.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (ביטער) מיט אייך...

י אָ ה אַ ן: איר גייט נישט מיט אונדז, הער פּראָפעסאָר. איר וועט גיין מיטן פאָלק, מענטשן וואָס איר זענט זיי טייער. מיט איינפאכע פאָלקסמענטשן, וואָס ווילן ריזיקירן און אייער פאמיליע ראטעווען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (א רגע נישט דעצידירט) איך פארשטיי... אָבער נישט מיט דעם וועג... נישט דורך אייך!

י אָ ה אַ ן: (צו אננא) און דו?

א נ נ א: (דעצידירט) איך גיי מיט דיר!

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט.

צווייט בילד.

דאָס זעלביקע צימער, וואָס אין ערשטן אַקט. ס'איז תחילת אָוונט. אַננאַ שטייט איבערגעבויגן איבער אַן אָפּענעם שופלאַד פון קאָמאָד. זי וואַרפט איבער פארשידענע קלייניקייטן. עטלעכע זאַכן האָט זי אָפּגעקליבן און אוועקגעלייגט זיי באַזונדער. ראָזאָ שטייט אין טיר פון שלאָפצימער און קוקט אויף אַננאַן מיט אַן אויסדרוק פון טיפן ווייטיק און אומרו. אַננאַ, פארטאָן אין געדאַנקען, נעמט מעכאַניש די אָפּגעלייגטע קלייניקייטן און גייט אָפּ מיט זיי דורך דעם הויפּט-אריינגאַנג.

ראָזאָ זיפצט אָפּ טיף. זי גייט מיט אַ לאַנגזאַמען דערשלאָגענעם שריט אין צימער אריין און זעצט זיך לעבן אויוון. זי פארזינקט אין מחשבות; אירע אויגן קוקן שטאַר, ווי פארלוירן ערגעץ אין אַ ווייטקייט.

אַננאַ קומט צוריק מיט דעם הויפּט-אריינגאַנג. זי באמערקט די מוטער גייט צו איר.

א נ נ אַ: (לאָזט זיך אַראָפּ לעבן דער מוטער אויף דער קני, אַריינלייגנ־

דיק די הענט אין איר שויס) מוטער, באַרויק זיך... וועסט זען, דער פאָטער וועט זיך נאָך באַטראַכטן.

ר אָ ז אַ: (אומבאַוועגלעך) ס'איז שווער געווען מיט דיר, מיין קינד. און דיר וועט נאָך שווערער זיין.

אַ נ נ אַ: דער פאָטער איז איינגעשפּאַרט. ער איז נישט גערעכט. ער וויל נישט פאַרשטיין. ער וויל נישט גאָרנישט פאַרשטיין; עס גייט אין אונדזער אַלעמענס לעבן. עס גייט דאָך — — מוטער, דו הערסט מיך נישט?

ר אָ ז א: (ווי פריער) וואָס פאַר א זין וועלן שוין האָבן אונדזערע ליידן.

אַ נ נ אַ: (ליידנשאַפטלעך) דו ביסט דאָך איינשטימיק מיט מיר. מוטער, קיין אַנדער וועג איז דאָך נישטאָ פאַר אונדז!

ר אָ ז אַ: (פירנדיק צאַרט די הענט איבער אַננאַס קאָפּ) מיין קינד. (מיט אַ וויטיקלעכן שמייכל) ווי ענלעך דו ביסט צו דיין פאָטער. ביידע האַלט איר גאָר אין איין רעדן וועגן עפּעס אַ וועג... מיין וועג — דיין וועג. אַלע וועגן זיינען גוט — ווען ס'איז דאָ אַן אויסוועג...

א נ נ א: (הייס) דער איינציקער אויסוועג, מוטער!
דו דאַרפסט ווירקן אויפן פאָטער.

ר אָ ז אַ: אַז איך קאָן אויף דיר נישט ווירקן, וועל איך אויף אים ווירקן?

עס קלינגט ביי דער טיר. אַננאַ גייט אָפּ. ראָזאַ שטייט אויף און גייט צום פענצטער, לאָזט אַראָפּ די שטאָרן. אַננאַ באַ-ווייזט זיך אין טיר.

אַ נ נ אַ: ס'איז מאַרי, מוטער — העלענעס דינערין. זי וועט העלפן דעם טיש פאַרבאַרייטן.

ר אָ ז אַ: (אומרויק) נאָך וואָס האָט מען זי באַדאַרפט?

אַ נ נ אַ: איך ווייס אויך נישט נאָך וואָס. (אויף צוריק) ביטע מאַרי! די פּראָדוקטן וועל איך שוין אַליין פאַנאַנדערפּאַקן.

מאַרי קומט אריין.
אַננאַ אָפּ.

מ א ר י: גוטנאָוונט, גענעדיקע מאַדאַם פּראָפעסאָר!

ר אָ ז אַ: גוטנאָוונט!

מ אַ ר י: ס'גענעדיקע פריילין האָט מיך אַהער געשיקט.

ר אָ ז אַ: העלענע.

מ אַ ר י: נישט קיין אַנדערע.

נעמט זיך פאַרשפּרייטן דעם טיש.

וואָרעם זאָגן דאַרף איך אייך, ווען אַ צוויקטע שיקט מיך אַהער — פאַר אַ מיליאַרד — גיי איך נישט. ניקס צו מאַכן!

ר אָ ז אַ: (איראָניש) איר זענט זי זייער איבערגעגעבן.

מ אַ ר י: ס'איז שוין, מוז איך זאָגן, מיין נאַטור אַזוי... (שמייכלט גיפ־טיק) און זי, גענעדיקע מאַדאַם פּראָפעסאָר, וועלן מיר פאַר אומגוט נישט נעמען, וואָס איך האָב זי זייער אָפּגערעדט, געגעבן צו פאַר־שטיין איר די גרויסע געפאַר פאַר אונדז — ווען מען טרעפט זי דאָ. ניקס צו מאַכן! מיך וווּנדערט עס אָבער, גענעדיקע מאַדאַם פּראָ־פעסאָר, וואָס זי געבן זיך, פאַרגעבנס, גאָר קיין רעכנונג נישט אָפּ, וואָס עס קאָן, גאָט באַהיט, דערפון אַרויסקומען — אַן אַריש מיידל ביי אַ יודען-טיש!

פון הויפּט-אַריינגאַנג הערט זיך אַ שטילער טומל פון שטימען און שריט. מאַרי גייט אָפּ.

ר אָ ז אַ: זיי גייען שוין!

ראָזאַ קלאַפּט אין טיר פון פּראָפעסאָרס צימער. גייט אָפּ. עס קומען אריין: העלענע, עריק אין אַן אָפיצירישן רייטער־מונדיר און באַלד נאָך זיי אַננאַ.

ע ר י ק: (קוקט אומרויק אויף צוריק. מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל) ביים היינטיקן עקזאַמען וועל איך געוויס דורכפאַלן...

אַ נ נ אַ: עטוואָס אומזיכערקייט ברענגט אָפט נאָך בעסערע רעזולטאַטן.

ה ע ל ע נ ע: איך בין דאָך לעבן דיר — קיין סקריפּטל וועט נישט פעלן...

ע ר י ק אויף דער שול־באַנק האָבן מיך דיינע סקריפּטלעך נישט איינמאָל געראַטעוועט פון אַ זיכערן דורכפאַל.

ר אָ ז אַ קומט ארויס פון פּראָפעסאָרס צימער. זי בלייבט שטיין אָפּוואַרטנדיק. נאָך אַ רגע קומט אַרויס דער פּראָפע-סאָר. ער זעט אויס שטאַרק פאַרענדערט — דאָס פּנים צע-קנייטשט, אין די אויגן אַ טיפע מידקייט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (מיט אַ געצוווּנגענער פייערלעכקייט) — אַ גוטאָוונט, קינדער!

ה ע ל ע נ ע — ע ר י ק: (ביידע גלייך) גוטנאָוונט!

דריקן זיך שוויינגדיק די הענט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר : נו, ביטע צום טיש!

אלע פאַרנעמען ערטער.

ה ע ל ע נ ע : (צו עריקן, מיט אַ שעפטש) זעץ זיך.

ע ר י ק : (וואַרפט אַ שנעלן אומרויקן בליק צו דער טיר. לייכט צעמישט) אַ... ביטע... (ער זעצט זיך).

אַננאַ האָט אָנגעגאָסן די גלעזער און זעצט זיך אויף איר אָרט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר : (נעמט דאָס גלאָז אין האַנט אַריין. ער פירט דעם בליק איבער די אַרומיקע און פאַרהאַלט אים אויף אַננאַן) מיר האָבן שוין לאַנג נישט געפייערט קיין געבורטס-טאָג מיינע קינדער. אַ שווערע צייט לעבן מיר דורך. אָבער ווי שווער די צייט זאָל זיך נישט פאַר אונדז פאַרשטעלן, קאָן דאָס נישט זיין קיין אורזאַך צו פאַרלירן דעם גלויבן.

אַננאַ האַלט אויס זיין בליק.

איך הייב אויף אַ טאָאַסט פאַר אונדזער טייערער סאָלעניזאַנטין..

אַלע הייבן די גלעזער. די הויפּט-אַריינגאַנג-טיר עפנט זיך האַסטיק אויף, און איר באַווייזט זיך יאָהאַן. ער קוקט אי־בעררראַשט אויף דעם פייערלעכן בילד. אלעמענס בליקן ווענדן זיך צו אים.

י אָ ה אַ ן : (ביי א געשפּאַנטער שטילקייט) גוטנאָוונט!

ה ע ל ע נ ע : (דערפרייט) יאָהאַן! ווי גוט וואָס ביסט דאָ! (וויל גיין צו אים).

ע ר י ק : (פאַרהאַלט זי. אויסער זיך) יאָהאַן — דאָ?

ה ע ל ע נ ע : (אַנגעשטויסן) וואָס איז דען?

ע ר י ק : (צו יאָהאַנען, מיט שאַרפן פאַרוואורף) יאָהאַן...ווי וואַגסטו קומען אַהער? צי ביסטו פון זינען?

ה ע ל ע נ ע : (מיט אַ פלאַם אין געזיכט) באַרויק זיך!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר : (ער האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון יאָהאַנען. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער צוריקגעשטעלט דאָס גלאָז) איר זענט ווידער דאָ?

ע ר י ק : (פאַלט אריין) נישט צום ערשטן מאָל? אָ ווי נישט געוויסנהאָפטיק — יאָהאַן!

יאָהאַן מאַכט אייניקע שריט טיפער אין צימער אַריין.

י אָ ה אַ ן : (צום פּראָפעסאָר. מיט אַ רויקער, אָבער זייער דייטלעכער שטים) אַנטשולדיקט מיר פאַר איבעררייסן אייער פאַמיליע־פייערונג. ליי־דער. עס איז נישטאָ קיין צייט צו פאַרלירן. הער פּראָפעסאָר! די אַק־ציע אין שטאָט האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

ע ר י ק : וואָס פאַר אַן אַקציע?

י אָ ה אַ ן : אויב דו ביסט א פריינד פון פּראָפעסאָרס פאמיליע, בעט איך דיך — פאַרפיר זיי נישט מיט אילוזיעס! (צום פּראָפעסאָר) איר מוזט זיך גלייך דעצידירן, הער פּראָפעסאָר!

ע ר י ק : (ווי ער וואָלט פערזענלעך געפילט זיך באַליידיקט) אילוזיעס? אין וואָס האַנדלט זיך?

ה ע ל ע נ ע : (בייז) דו הערסט נישט? די אַקציע אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן!

ע ר י ק : וואָס גייט עס אונדז אָן? מיר האָבן אַן אויטאָריטעטיווע פאַרזי־כערונג פון פּאָליטישן שטעלפאַרטרעטער!

י אָ ה אַ ן : (רויק) איז פאַראַן אַ דאָקומענט דערויף?

ע ר י ק : דאָס איז איינס און דאָס זעלביקע!

י אָ ה אַ ן : (בייסיק) גענוי! אויך זייערע דאָקומענטן האָבן נישט דעם מינדסטן ווערט.

ע ר י ק : (אויפגעריסן) איך וויל מיט דיר נישט דיסקוטירן.

י אָ ה אַ ן : דאָס איז נישט געווען דער ציל פון מיין קומען אַהער, עריק!

ע ר י ק : אייערע צילן זיינען אונדז באַקאַנט!

י אָ ה אַ ן : איז נישט צו גרויס די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס דו נעמסט איצט אויף זיך?

ע ר י ק : אַבסאָלוט! (ער כאַפּט זיך צוריק) דאָס הייסט נישט, אַז איך וויל דעם פּראָפעסאָר אַרויפצווינגען מיין מיינונג. דער הער פּראָפעסאָר האַנדלט, ווי ער אַליין פאַרשטייט!

י אָ ה אַ ן : (מיט פאַראַכטונג) דו וואַרפסט אַלזאָ אַראָפּ פון זיך די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט!

ה ע ל ע נ ע : עריק, דו ביסט נישט זיכער! איך זע...

ע ר י ק : (אין גאַנצן צעמישט) איך... איך בין אַבסאָלוט זיכער, העלענע... מיין פאָטער!... איך בין פאַראַנטוואָרטלעך. מיר...

ה ע ל ע נ ע : מיין גאָט! זיי דאַרפן שוין אַוועקגיין. זיי מוזן אַנטלויפן — ראַטעווען זיך! יאָהאַן וויסט עס בעסער פון אונדז. (צום פּראָפעסאָר) באַשליסט זיך, פאָטער!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר : מיין באַשלוס איז דאָ.

א נ נ אַ און ה ע ל ע נ ע: (ביידע גלייך) וואָס?
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: איך בלייב דאָ.

אין אַרייַנגאַנגס-טיר באַווייזט זיך דער אַלטיטשקער זיגפריד.

ז י ג פ ר י ד: (מיט אַ שעפּטש) יאָהאַן!
ה ע ל ע נ ע: זיגפריד...
י אָ ה אַ ן: שויך?
ז י ג פ ר י ד: אייל זיך! איילט זיך, הער פּראָפעסאָר!

זיגפריד אָפּ.

י אָ ה אַ ן: (צום פּראָפעסאָר) איר קאָנט נאָך באַווייזן, הער פּראָפעסאָר!
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: (שטייט אויף מיט אַ ציטער אין דער שטים) איך דאַנק אייך, פאַר אייער מי.
י אָ ה אַ ן: מענטשן פון פאָלק ווילן אייך ראַטעווען.
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: נישט מיט אייך — נישט דורך אייך!

אַננאַ נעמט ארום די מוטער. ביידע וויינען שטיל. געזעגע-נען זיך אָן ווערטער. נאָכהער נעמט זי אַרום דעם פאָטער.

א נ נ א: (דורך טרערן) זיי געזונט, פאָטער.
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: זיי געזונט. (קושט זי) הם...

העלענע און אַננאַ פאַלן זיך אין די אָרעמס.

ה ע ל ע נ ע: (פרעסט זי פעסט צו זיך) האַלט זיך פעסט אַננאַ!
אַ נ נ אַ: (פאַרשטיקט) העלענע...
ה ע ל ע נ ע: זיי שטאַרק! מיר וועלן זיך נאָך זען.

אַננאַ גייט גיך אָפּ. גלייך נאָך איר — יאָהאַן. ראָזאַ באַגלייט זיי ביז צו דער טיר. זי פאַלט מיטן פּנים צו דעם טיר-ווענטל.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: (פאַרבלאָז) באַרויק זיך. זי וועט צוריקקומען.

פּ ו י ז ע.
ראָזאַ גייט צוריק אויף איר אָרט.

ע ר י ק: (צו העלענען מיט אַ שעפּטש) דו הענקסט, אַז מען קאָן אַהער קומען? (העלענע הערט נישט).

ר אָ ז אַ: (פאַר זיך) אַוועק, אַננאַ... געווען און שוין נישטאָ.
ה ע ל ע נ ע: וואָס רעדט איר, טאַנטע ראָזאַ...
ע ר י ק: (צו העלענען) ס'וועט שפּעט, העלענע.
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: (מיט אַ געבראָכענער שטים צו העלענען) גייט קינדער, מען דאַרף אייך דאָ נישט טרעפן.

עריק שטייט גיך אויף פון אָרט. מאַרי קומט אַרייַנצולויפן.

מ אַ ר י: טויט בין איך! מע גייט! אין דער גאַס!
ה ע ל ע נ ע: פונוואַנען קומסטו?
מ אַ ר י: רוימט פון טיש אַראָפּ!

זי נעמט זיך אין גרגים געאייל אַראָפּנעמען פון טיש.

די געטעדיקע מוטער — האָט דאָך מיר פאַרזאָגט! העלפט צו!
ה ע ל ע נ ע: מייך מוטער?!
מ אַ ר י: טויט בין איך!
ס'הערט זיך אַ קלאַפּן אין דער אַרייַנגאַנגס-טיר. אַלע
שטייען אויף פון די ערטער, דערוואַרטנדיק.
פ ו י ז ע.
עס קומט לאַנגזאַם אַריין אַ געשטאַפּאָ-אָפיציר.

ג ע ס ט אַ פּ אָ - אָ פ י צ י ר: (מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט) גוטנאָוונט! דאָ איז די וווינונג פון הער פּראָפעסאָר היינריך שוואַרצ-שטיין?
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: (באַהערשט) דאָס בין איך, מיין הער!
ג ע ס ט.-אָ פ י צ י ר: זיין פרוי — ראָזאַ?
ר אָ ז אַ: איך — מיין הער!
ג ע ס ט.-אָ פ י צ י ר: א נ נ א — זייער טאָכטער?

פּראָפעסאָר, ראָזאַ קוקן זיך איבער.

ה ע ל ע נ ע: זי איז נישט פאַראַן.
ג ע ס ט.-אָ פ י צ י ר: (פאַרוואונדערט) אַ... נישט פאַראַן? ווו איז זי דען?
ה ע ל ע נ ע: זי איז מיט אייניקע טעג צוריק ארויס פון שטוב און זיך נישט צוריק אומגעקערט.
ג ע ס ט.-אָ פ י צ י ר: אַ שאָד... האָט זי נישט געוווסט, אַז גיך אין גאַס איז איר פאַרבאָטן?
ה ע ל ע נ ע: (אויסמיידנדיק) געוויס האָט מען זי אויפן גאַס פאַרהאַפטעט.
ג ע ס ט.-אָ פ י צ י ר: וואַרשיינלעך. (ער ווענדט זיך צו עריקן, גלייך ער

וואָלט אים ערשט איצט באַמערקט) אַנטשולדיקט, קאָן מען פּילייכט בעטן פון איך אייער דאָקומענט!

עריק גיט אים זיין דאָקומענט — געסט.-אָפיציר פאַרנאָטירט ביי זיך און דערלאַנגט אים צוריק עריקן.

הייל היטלער!

ע ר י ק: (ווערט בלאַס, הייבט לאַנגזאַם די האַנט) הייל היטלער!

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: (צו עריקן העפלעך) אַמטלעך?

ה ע ל ע נ ע: מיר זיינען געקומען אַהער נאָכריכטן דעם הער פּראָפעסאָר וועגן דעם באַשלוס פון פּאָליטישן שטעלפאַרטרעטער אויף דער אינטערוועניץ פון...

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: ...גענעראַל פאָן בערגען!

ה ע ל ע נ ע: יאָ. אויף דער אינטערווענץ פון גענעראַל פאָן בערגען.

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: הם... דאָס איז אונדז באַוווסט.

ה ע ל ע נ ע: (מיט אומגעריכטער האָפנונג אין בליק) זענט איר געקומען, נישט...

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: די זאַך וועט זיך געוויס אויפקלערן.

ה ע ל ע נ ע: נאָך וואָס, אַלזאָ, באַאומרויקן די מענטשן?

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: ס'איז אַ באַפעל. (גיט איבער דעם פּראָפעסאָר אַ פּאַפיר) ביטע! (צו העלענען) אייער ווערטער נאָמען, גנעדיגעס פריילין?

העלענע גיט אים איר דאָקומענט. ער פאַרנאָטירט זיך. גיט איר צוריק.

אַ דאַנק... (צו מאַרין) אייער נאָמען?

מ אַ ר י: (אין גאַנצן צעטומלט) מיין נאָמען... איך (באַטאַפּט זיך) כ'האָב אים נישט!... טויט בין איך...

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: (שמייכלט איבער איר פאַרלוירנקייט) נישט וויכטיק. אייער נאָמען און פאַמיליע...

מ אַ ר י: מאַרי... מאַ—ר—ר—י טר—ר—ייטשקע! מיין מוטער...

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: נישט נייטיק! (צום פּראָפעסאָר) איך בין זיכער, דאָס די זאַך וועט זיך זייער גיך אויפקלערן, הער פּראָפעסאָר!

ר אָ ז אַ: וואָס קאָנען מיר נעמען מיט זיך?

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: איך דענק, גנעדיקע פרוי, צוליב דער מעגלעכקייט פון באַלדיקן צוריקקער — וואָס ווינציקער באַלאַסטן זיך. (ראָ־

זאַ קוקט אויף אים מיט אומצוטרוי) איבעריקנס, ווי איר פאַרשטייט דאָס אליין.

פּראָפעסאָר, ראָזאַ — גייען אָפּ אין ארבעטס-צימער.

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: (צו עריקן און העלענען) איך גלויב, דאָס אייך איז באַוווסט דער פאַרבאָט פאַר דייטשן צו פאַרברענגען אין יידישע הייזער — באַזונדערס פאַר מיליטער־לייט.

ה ע ל ע נ ע: מיר זיינען געקומען מיטטיילן דעם באַשלוס פון פּאָליטישן שטעלפאַרטרעטער.

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: אויף דעם זיינען פאַראַן ספּעציעלע באַאַמטע, וואָס האָבן די רעכט און זיינען באַפולמעכטיקט דורך דער אויבערמאַכט דערצו, גנעדיגעס פריילין!...

געסט. אָפיציר גייט אָפּ אין שלאָפצימער.

מ אַ ר י: (ברעכט די הענט. שעפּטשענדיק) כ'האָב דאָך געזאָגט.

ה ע ל נ ע: שוויג!

ע ר י ק: מ'האָט אונדז דאָ נישט באַדאַרפט טרעפן.

ה ע ל ע נ ע: ווי קאָנסטו, עריק, מען נעמט זיי צו...

ע ר י ק: .(טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש) ס'וועט זיך אויפקלערן.

פון אַרבעטס-צימער קומט דער פּראָפעסאָר און ראָזאַ. זיי זיינען אָנגעטאָן אין אויבערמאַנטלען, מיט קליינע טשעמאָדאַנטשיקלעך אין די הענט. רויק און באַהערשט רעדן זיי עפּעס צווישן זיך.
פון שלאָפצימער קומט ארויס דער געשטאַפּאָ-אָפיציר.

ג ע ס ט.־אָ פ י צ י ר: (מיט געמאַכטער פריינדלעכקייט) שוין גרייט... ביטע!

פּראָפעסאָר, ראָזאַ, הינטער זיי — העלענע, עריק און מאַרי גייען צום ארויסגאַנג. געשטאַפּאָ-אָפיציר באַגלייט זיי.

פ אַ ר וו אַ נ ד ל ו נ ג.

פאַרן פאָרהאַנג, רעכטס פון פּובליקום, קומען אַרויס העלענע און עריק. הינטער זיי גנבעט זיך אומבאַמערקט מאַרי.

ע ר י ק: דו פאָדערסט פון מיר אוממעגלעכע זאַכן, העלענע!

ה ע ל ע נ ע: אונדזערע פאַרזיכערונגען האָבן פאַרפירט!

ע ר י ק: זיי וועלן צוריקקומען. דאָס איז אַ ריינע מיספאַרשטענדעניש.

ה ע ל ע נ ע: די „ריינע מיספאַרשטענדנישן" זיינען מיר גוט באַקאַנט. מיר מוזן זאָפאָרט עפּעס אונטערנעמען!

ע ר י ק: דו ביסט צו אומגעדולדיק, העלענע.

ה ע ל ע נ ע: פאַר יעדן פּרייז — מיר מוזן זיי באַפרייען!

ע ר י ק: (אומרויק) שטילער, העלענע.

ה ע ל ע נ ע: די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַלט אויף אונז, עריק! ס'איז נאָך נישט געווען דער פאַל, ווען אַ יידישע פאַמיליע זאָל זיך צוריקקערן אַ היים פון זיי.

ע ר י ק: איך ווייס... וואָס קאָן מען מאַכן? מיר האָבן דאָך געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך געווען.

ה ע ל ע נ ע: אַלץ, וואָס מיר האָבן געטאָן, האָט גאָרנישט די ווערט. (עריק וויל זיך ווערן) פאַרגעס נישט, עריק, דו האָסט אין דער אַוועקזנ־הייט פון אַלע גענומען אויף זיך... פאַרזיכערט...

ע ר י ק איך האָב געהאַט א גרונט.

ה ע ל ע נ ע: דו האָסט באַקאַנטע, פריינד אין דער עס־עס!

ע ר י ק: פאָדערסט אוממעגלעכע זאַכן.

ה ע ל ע נ ע: אויב פאַר דיר איז עס אוממעגלעך, וועט עס פאַר מיר זיין מעגלעך... איך וועל געפינען אַ וועג.

ע ר י ק: דאָס הייסט איינשטעלן זיך אויף גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן.

ה ע ל ע נ ע: פאַר דער איינטערוועניץ האָסטו דאָס זעלביקע געזאָגט.

ע ר י ק: איך ווייס נישט וואָס ס'וועט נאָך זיין.

ה ע ל ע נ ע: איך שרעק מיך נישט דערפאַר.

העלענע קוקט אויפן זייגער...

ע ר י ק : זיי פאַרנונפטיק. (וויל נעמען אירע הענט).

ה ע ל ע נ ע: (ציט זיך צוריק) דו ביסט אַן ערנמאַן? (עריק קוקט אויף איר דערשראָקן פון דער אומגעריכטער פראַגע.) דער אַרעסט פון פּראָפעסאָרס פאַמיליע איז אַ פּאַטש אין פּנים — דיר און דיין פ אָ ט ע ר!

ע ר י ק: (צעמישט) נו... טרייב נישט איבער. די פאַראָרדענונג... געוויס איז זי געקומען פון דער העכערער מאַכט.

ה ע ל ע נ ע: (קוקט אים קאַלט אָן. מיט פרעמדקייט) איך גיי!

ע ר י ק: (נעמט איר האַנט) העלענע...

ה ע ל ע נ ע: מער קיין וואָרט נישט הערוועגן!

ע ר י ק: (אַ רגע נישט דעצידירט) המ... נו גוט! אָבער מיטן באַדינג, ווען דו וועסט מיר אויף אַן ערן־וואָרט צוזאָגן...

ה ע ל ע נ ע: וואָס?

ע ר י ק: אַז וועסט זיך מיט זיי מער שוין קיינמאָל נישט טרעפן. (העלענע וויל אַרויסרייסן איר האַנט פון זיינע, ער האַלט זי פעסט) נאָר אונטער דעם באַדינג נעם איך אויף זיך די אויפגאַבע.

ה ע ל ע נ ע: (נאָך אַ פּויזע) גוט. איך זאָג צו!

ע ר י ק: קום!

העלענע, עריק גייען אָפּ.

מ אַ ר י: (קומט פון ווינקל ארויס גייט זיי נאָך, שעפּטשעט) דעם טויט וועט ז' אויף זיך ברענגען... דעם טויט, פאַרגעבנס!

מאַרי — אָפּ.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

דריט בילד.

אַ גרויס עלעגאַנט איינגעאָרדנט אויפנעם־צימער אין דער ווילע פון קרימהילד פאָן היינאָו. אין פאָדערגרונט — גרויסע גלאָז־טירן, וואָס פירן אויף אַ טעראַסע. דאָס שטוב־מיידל קומט פון דער טעראַסע, פאַרמאַכט די טירן און נעמט זיך פוצן די שויבן פון דער זייט. אין דער זעלביקער צייט שפּאַנט מאַרי נערוועז איבערן צימער.

מ אַ ר י: (בלייבט שטיין. רעדט צום רוקן פון דעם שטוב־מיידל) דער ליבער הער גאָט, זאָל מיר ביישטיין. איך בין דאָך, ווי איר זעט, פאַר־געבנס, נאָר אַ מענטש. זאָגן זי דאָס נאָך אַמאָל: וואָס האָט זי גע־זאָגט, די גענעדיקע, קיין וואָרט פאַרפעלט נישט.

ש ט ו ב ־ מ יי ד ל: (טוט איר אַרבעט. גלייכגילטיק) וויפיל מאָל דאַרף מען דאָס אייך איבערהאָלן דאָס זעלביקע?

מ אַ ר י: (דערשלאָגן) וואָס אַרט אייך דען?

ש ט ו ב ־ מ יי ד ל: (מעכאַניש) גלייך ווי איך האָב אייער טעלעגראַם דערהאַלטן...

מ אַ ר י: טעלעגראַם!

שטוב-מיידל: — האָב איך טעלעפאָניש געמאָלדן די מאַדאַם קרימהילד וועגן דעם.

מאַרי: אַ טעלעגראַם?

שטוב-מיידל: אַ טעלעגראַם.

מאַרי: איך האָב קיין טעלעגראַם נישט געשיקט!

שטוב-מיידל: אַ טעלעגראַם און אַ בריוו — בײדע זײַנען גלײַך אָנגעקומען.

מאַרי: נו, און ווײַטער...

שטוב-מיידל: זי איז גלײַך געקומען צופאָרן. איר האָט געוויס עפּעס זייער נישט גוטס אָפּגעטאָן.

מאַרי: אָבער ליבער הער גאָט, דאָס הער איך שוין, פאַרגעבנס, דעם צווייטן טאָג פון אײַך!

שטוב-מיידל: וואָס ווילט איר נאָך?

מאַרי: אומגליקלעכע וואָס איך בין. (מיט אַ ציטער) עפּעס טורמע — האָט איר דאַכט זיך געזאָגט, האָב איך דאָס ריכטיק געהערט?

שטוב-מיידל: זי וועט אײַך אין טורמע אַרײַנוואַרפן.

מאַרי: (לאַכט אומרויק) מיך... פאַרגעבנס...

פון דרויסן הערן זיך סיגנאַלן פון אַ צוגעפאָרענער מאַשין.

שטוב-מיידל: זי קומט!

גייט — אָפּ.

מאַרי: (אָפּגייענדיק) ווײַסט זי דער טײַוול, וואָס וויל זי דען? כ'האָב ידאָך אַלץ געטאָן.

אָפּ.

עס קומען אַרײַן קרימהילד און קורט. דער לעצטער אין עס-עס שאַרפירער מונדיר.

קורט: דו האָסט מיר קיינמאָל וועגן איר נישט דערציילט.

קרימהילד: (פלאַמט פון אויפרעגונג) אַ צווייט מאָל, קורט. נישט איצט!

קורט: דײַן טאָכטער וועט זיך פאַר דיר איבערשרעקן.
פון וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט, קרימהילד?

קרימהילד: (אויסמײַדנדיק) איך האָף, אַז אין פאַרלויף פון די נאָענטסטע דרײַ טעג וועל איך זײַן אַבסאָלוט פרײַ.

קורט: (נעמט זי פעסט אַרום) דו האָסט אַ גוטן פאַרטרעטער, קרימהילד!

קרימהילד: (וויל זיך באַפרײַען פון זײַנע אָרעמס) מײַן דינער־שאַפט — קורט!

קורט: (קושט) ביסט אימער גוט, קרימהילד. זײַ זיכער, איך וועל נישט דערלויבן מען זאָל דיך באַאומרויקן.

קרימהילד: אַ דאַנק! (באַפרײַט זיך פון זײַנע הענט) איך פאַרלאָז מיך אינגאַנצן אויף דיר.

קורט: (לאַכט) זײַנען מיר פרײַנד, צום טײַוול!

קרימהילד: ווען עפּעס זייער וויכטיקס — קלינג אָן.

קורט: ס'וועט אַלץ זײַן אין בעסטן אָרדנונג. הייל היטלער!

קורט גייט אָפּ.

קרימהילד: (מיט געשריי) מאַרי! מאַרי!

קרימהילד גייט אָפּ אין די ווײַטערדיקע צימערן.
מאַרי קומט אַרײַן.

מאַרי: (קוקט זיך אַרום) געגנעדיקע, נישטאָ.

קרימהילד קומט צוריק אָן מאַנטל און הוט.

קרימהילד: (גייט צו מאַרין. בויערט זי דורך מיטן בליק) טײַוול!

מאַרי: (שטאַמלט) געגנעדיקע!

קרימהילד: (ציטשענדיק) שווינערײַ. אין אויוון וואָלט איך דיך געשיקט, דו אומווערדיקע! דו האָסט מיר נישט געקאָנט טעלעגראַפירן, ווי סע האַלט מיט מײַן טאָכטער?

מאַרי: מײַן גאָט, וועגן דעם... פאַרשטייט מיך...

קרימהילד: פאַרדאַמט!

מאַרי: כ'האָב געוויינט, געבעטן זיך, גערעדט, ניקס צו מאַכן! באַשלאָסן זיך — לעש דאָס פײַער, ווען עס גייט, פאַרגעבנס, מיטן ווינט. איך האָב זאָפאָרט געשריבן.

קרימהילד: (קאָן זיך נישט באַהערשן) פאַרפלוכטע צווּג! איך בין דאָך אַבסאָלוט נישט פאַרבערייט! זיי קומען באַלד צופאָרן — אַהער! (פאָכעט מיט אַ טעלעגראַם פאַר מאַריס נאָז) פון העלענען!

מ א ר י: (איבעראשט) אהער. כ'האָב געמיינט. (מיט חניפה) אַ ווירקלעך אַהער... ווי גליקלעך...

ק ר י מ ה י ל ד: גליקלעך? פאַרשטום, דו נאַרישער וואָרים! האָב איך דיר נישט באַפוילן פאַר יעדן פּרייז אויפהאַלטן זי, ווען זי וועט וועלן אַהער פאָרן. ווייניקסטנס — מיר זאָפאָרט צהוויסן טאָן!

מ א ר י: ווי אומגליקלעך.

ק ר י מ ה י ל ד: אַז איך האָב דיר אַנפאַרטרויט אַזאַ וויכטיקע אויפגאַבע — דומקאָפּ! מיין טאָכטער האָט דאָ נישט באַדאַרפט זיין! פאַרשטאַנען? זי' קומט מיט עריקן!

מ א ר י: (זיס) מיט איר חתן... איך דערמאָן מיך, פאַרגעבנס. נישט איינמאָל האָט אייער גענעדיקייט דערמאָנט זיין נאָמען, ווי א גליק-פּאַרטי פאַר איר.

ק ר י מ ה י ל ד: עריק פאָן בערגען, דאָ, אין גענעראַל גוווערנעמאַן — דאָס האָט נישט געטאָרט פּאַסירן!

מ א ר י: (מיט אַ געהיימניספולע מינע. פליסטערט) נישט וועגן אלעם, גענעדיקע, האָב איך אייך געקאָנט שרייבן. (קוקט זיך ארום, רוימט איר עפּעס איין אויפן אויער) פאַרשטייט דאָס גענעדיקע — אום גאָטעס ווילן... פאַרגעב...

ק ר י מ ה י ל ד: (מיט א געמילדערטן טאָן) דו טרייבסט איבער!

מאַרי בייגט זיך אָן צו איר, שעפּטשעט איר ווידער עפּעס אויפן אויער.

א טייוול!

מ א ר י: ביי דער הייליקער מוטער — קיין האַלב וואָרט נישט איבערגעטריבן.

ק ר י מ ה י ל ד: (טראַכט אַנגעשטרענגט. מורמלט ביי'ז) איך האָב דאָס באַדאַרפט וויסן. (בייסט זיך די ליפּן) קלאָר... (מיט אַן אויסדרוק ווי זי וואָלט געפאַסט א באַשלוס) ווי דאָס זאָל נישט זיין, מאַרי! פונדאַנען וועט זי די זעלביקע נישט צוריקפאָרן. איך וועל זי באַרויקן.

מ א ר י: לעבנס־וויכטיק! גענעדיקע. באַרויקן...

ק ר י מ ה י ל ד: פונדאַנען וועט זי צוריקפאָרן אלס העלענע פאָן בערגען...

קרימהילד — אָפּ.
דאָס שטוב-מיידל קומט אריין.

ש ט ו ב-מ יי ד ל: (מעכאַניש) מאַדאַם!

מ א ר י: וואָס ווילסטו?

ש ט ו ב־מ יי ד ל: (מיט א ווידערווילן) איר זאָלט מיר נישט שטערן.

מ א ר י: (באַליידיקט) נישט שטערן... פאַרגעבנס!

קרימהילד קומט צוריק.

ש ט ו ב־מ יי ד ל: מאַדאַם! דער שאָפער פרעגט.

ק ר י מ ה י ל ד: זאָל ער וואַרטן. מיר פאָרן באַלד צום באַן. בלומען! האָסטו נישט פאַרגעסן? גענוג בלומען זאָלן אין אויטאָ זיין. מיין טעכטערל האָט ליב נעלקן און יאַשמין. וואָס מערער!

ש ט ו ב-מ יי ד ל: זיי זענען שוין אין אויטאָ, מאַדאַם!

ק ר י מ ה י ל ד: האָסטו מיר אַלץ פאַרבערייט צום איבערטאָן זיך?

ש ט ו ב־מ יי ד ל: אלץ וואָס איר האָט באַפוילן, מאַדאַם! זאָל איך גיין מיט אייך?

ק ר י מ ה י ל ד: דאָס איז נישט נייטיק.

מ א ר י: (פאַרריסן) ס'איז נישט נייטיק.

דאָס שטוב-מיידל גייט אָפּ.

ק ר י מ ה י ל ד: (דערלאַנגט מארי'ן אַ טשעק) דו האָסט זיך נישט פאַרדינט אַזאַ סומע. (מאַרי נעמט) נאָך אַמאָל אזוי פיל באַקומסטו, ווען מיינע קינדער וועלן צוריק אַהיימקומען.

מ א ר י: אָ... ווי דאַנקבאַר.

ק ר י מ ה י ל ד: נו-נו...

גייט אָפּ אין די ווייטערדיקע צימערן.
(מארי פאַרשטעקט דעם טשעק אין בוזים).
דאָס שטוב-מיידל קומט אריין.

ש ט ו ב־מ יי ד ל: (קוקט מיט פאַרדאַכט אויף מאַרין) די מאַדאַם איז נישטאָ.

מ א ר י: (פאַרריסן) זעסטו נישט, מיידל? וואָס קוקסטו אזוי אויף מיר מיט דיינע קעלבערנע אויגן?

ש ט ו ב-מ יי ד ל: (מיט גרינגשעצונג) ווייל איך האָב נישט קיין אַנדערע.

מ א ר י: דו קוקסט נישט אָנשטענדיק... (דאָס שטוב־מיידל וויל אוועקגיין) דו זאָלסט אויך האָבן פאַר מיר מער אַכטונג, מיידל, זאָג איך...

ש ט ו ב־מ יי ד ל: פאַר אייך?

מ א ר י: איך בין, דארפסטו וויסן, א פארזואנדטע פון דער גענעדיקער.

ש ט ו ב-מ יי ד ל: (מיט א שמייכל) געוויס — זיכער א ווייטע פארוואנדטע...

מ א ר י: דאָס איז נישט דיין זאַך.

שטוב-מיידל גייט אָפּ.

קרימהילד קומט אַריין איבערגעטאָן אין אַ קלייד, וואָס זי ברענגט אין אָרדענונג אויף זיך.

ש ט ו ב-מ יי ד ל: (קערט זיך אום) מאַדאַם! איך האָב פארגעסן אייך מעלדן — נעכטן איז ווידער דאָ געווען דער געהיימראַט פאָן בירקע. ער האָט געזאָגט, אַז היינט וועט ער ווידער קומען מיט דער האָפענונג אייך צו טרעפן.

ק ר י מ ה י ל ד: געהיימראַט פאָן בירקע?

ש ט ו ב-מ יי ד ל: יאָ, גענוי — געהיימראַט פאָן בירקע. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אייערס אַן אַלטער פריינד, אויך אַ פריינד געוועזן פון אייער זעליקן מאַן.

ק ר י מ ה י ל ד: איך איל זיך. מיר איז שווער אין דעם מאָמענט זיך צו דערמאָנען. היינט איז אויסגעשלאָסן, ער זאָל דורך מיר אויפגענומען ווערן.

ש ט ו ב-מיידל: ווען זאָל איך אים הייסן קומען?

ק ר י מ ה י ל ד: איבערמאָרגן זאָל ער מיך היינט דערוואַרטן. ווען דאָס איז ווירקלעך אַן אַלטער פריינד, בלייבט ער מיין גאַסט אויף דער צייט, ביז מיינע יונגע וועלן צוריקפאָרן.

ש ט ו ב-מ יי ד ל: איך וועל אים הייסן וואַרטן, מאַדאַם!

דאָס שטוב-מיידל גייט אָפּ.

מ א ר י: (באַוואונדערט דאָס קלייד, וואָס קרימהילד האָט אָנגעטון) ווי באַשיידן — גענעדיקע.

ק ר י מ ה י ל ד: עס קלײדט מיר?

מ א ר י: איינפאַך, זאָג איך, באַשיידן און געטלעך, פאַרגעב... פאַרצייט מיר. ס'איז אומפאַרגלייכלעך, זאָג איך.

ק ר י מ ה י ל ד: ..(קוקט זיך איין אין שפּיגל) אַזוי דאַרף מען. ברענג מיר מיין מאַנטל און הוט.

מ א ר י: שוין גענעדיקע!

מאַרי גייט גיך אָפּ און קערט זיך אום באַלד צוריק מיט קרימהילדס מאַנטל און הוט.
קרימהילד טוט זיך אָן.

ק ר י מ ה י ל ד: דו פאָרסט מיט מיר!

מ א ר י: (מיט התפעלות) גענעדיקע... אַזאַ ערע!

ק ר י מ ה י ל ד: מיר מוזן נאָך רעדן.

קרימהילד און מאַרי גייען אָפּ.
דאָס שטוב-מיידל קומט מיט בלומען און דעקאָרירט דאָס צימער. זי שטעלט איבער געוויסע קלענערע מעבל-שטיק.
עס קלינגט ביים אַריינגאַנג.
דאָס שטוב-מיידל גייט אָפּ און קערט זיך באַלד אום צוריק.

ש ט ו ב-מ יי ד ל: (אין דער זייט) ביטע, ביטע מיין הער!

דער פּראָפעסאָר קומט אַריין. ער איז שטאַרק געעלטערט, אָפּגעטראָגן אָבער ווירדיק.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: גוטמאָרגן!

ש ט ו ב-מ יי ד ל: (מיט סימפּאַטיע צו אים) ווילט איר אָפּרוען? ביטע, מיין הער!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: בעסטן דאַנק, ליבע פריילין! (ער קוקט זיך אַרום פאַרטראַכט) א שאָד.

ש ט ו ב-מ יי ד ל: די מאַדאַם האָט געהייסן אייך זאָגן, אַז זי וועט געוויס אייך אויפנעמען. זי איז געפאָרן אָפּנעמען א גאַסט. איר טאָכטער קומט צו פאָרן!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (אויפגעלעבט) העלענע?

ש ט ו ב-מ יי ד ל: דאַכט זיך, אַזוי רופט מען זי. איך קאָן זי נישט. זי איז קיינמאָל נישט געווען ביי אונדז. (היימיש) איר קאָנט זי געוויס זייער גוט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אָבער נאַטירלעך!

ש ט ו ב-מ יי ד ל: אַ דאַנק טאַקע דער טאָכטערס קומען וועט איר האָבן די געלעגנהייט צו זען זיך מיט דער מאַדאַם פון היינאַ. וויל געוויינלעך איז זי זעלטן אין דער היים.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (גערירט. מער פאַר זיך) אַדאַנק. (ער טראַכט א רגע) איך קום שפּעטער.

ש ט ו ב-מ יי ד ל: (פאַרוואונדערט) אָבער זיי קומען זאָפאָרט! איר קאָנט רויק אויסוואַרטן ביז די מאַדאַם וועט קומען. דאָ (ווייזט אָן די ריכטונג) האָבן מיר אַ זייטיק צימער. ביטע!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (גייט מיט איר) איר זענט זייער ליבנסווירדיק.

שטוב-מיידל און פּראָפעסאָר גייען מיט דער אַרויסגאַנגטיר. אָפּ.
עס קלינגט דער טעלעפאָן.
דאָס שטוב-מיידל קומט אַריין.

ש ט ו ב־מ יי ד ל: (גייט צום טעלעפאָן. נעמט דאָס טרייבל) האַלאָ... ווער? ביטע! ניין... נאָך נישט געקומען... ביטע!

פון דרויסן הערט זיך א סיגנאַל פון א צוגעפאָרענער מאַשין. דאָס שטוב-מיידל הייבט גיך אויף צוריק דאָס טרייבל.

האַלאָ! האַלאָ! נישטאָ שוין. (לייגט אָפּ דאָס טרייבל).

גייט — אָפּ.

מאַרי קומט אריין מיט א גאַנצן באַרג מיט פּעקעלעך און גייט אָפּ אין די וויטערדיקע צימערן. באַלד דערנאָך קומט דאָס שטוב-מיידל מיט צוויי שווערע טשעמאָדאַנעס און גייט אָפּ אין דער זעלבער ריכטונג. דאַן קומט אַריין קרימהילד. הינטער איר קומען העלענע און עריק.

ק ר י מ ה י ל ד: (שטאַרק גערירט) זייט באַגריסט מיינע טייערסטע!

נעמט ארום העלענען דריקט זי לאַנג און שטאַרק צו זיך. מ אַ ר י און דאָס שטוב-מיידל קומען אריין.

(דורך טרערן) ווי גליקלעך איך בין! (קושט העלענען) וואָס איך קאָן דיך ענדלעך פון דער נאָענט ארומנעמען!

ה ע ל ע נ ע: (גערירט) איך פיל דאָס, מוטער טייערע! צו לאַנג האָבן מיר זיך נישט געזען.

ק ר י מ ה י ל ד: פליכטן, מיין קינד! — פאָרן פאָטערלאַנד מוז מען אלץ אָפּפערן. (צו עריקן, וועלכער האָט זיך דעליקאַט אָפּגעקערט פון זיי) עריק! אייגנטלעך, אויב דאָס איז נישט צו פריצייטיק — מיין זון. וואָס עפּעס אזוי ווייט פון אונדז?

ע ר י ק: אָבער דערלויבט, ליבסטע מוטער! איך וועל זיין דער גליקלעכסטער!

ק ר י מ ה י ל ד: (צו מאַרי און דעם שטוב-מיידל. זייער ליבלעך) וואָס שטייט איר?

ש ט ו ב־מ יי ד ל: (טרעט ארויס) מאַדאַם.

ק ר י מ ה י ל ד: ווענן אלעם שפּעטער! מיינע ביקערע געסט זיינען הונגעריק! איר וועט סערווירן אויף דער טעראַסע.

מאַרי און דאָס שטוב-מיידל סערווירן דעם טיש אויף דער טעראַסע.

ע ר י ק: ווי שיין דאָ איז, העלענע!

ה ע ל ע נ ע: (מיט לייכטער איראָניע) און דו האָסט קיין לוסט נישט געהאַט צו דער רייזע.

ע ר י ק: (נעמט זי ארום) ביסט אומפאַרגלייכלעך!

ק ר י מ ה י ל ד: ווי אומרויִק איך בין געווען. יעדע רייזע איז היינט פאַרבונדן מיט פאַרשידענע געפאַרן.

ע ר י ק: (צו העלענען) איך האָב דאָס זעלבע געזאָגט.

מאַרי קומט צו צו זיי

מ אַ ר י: גענעדיקע, דער טיש איז גרייט!

מאַרי גייט צוריק צו איר ארבעט.

ק ר י מ ה י ל ד: (איינלאַדנדיק) ביטע, קינדער!

קרימהילד, העלענע און עריק גייען ארויס אויף דער טעראַסע און פאַרנעמען ערטער ארום געגרייטן טיש.

ק ר י מ ה י ל ד: (גיסט אָן די גלעזלעך) פאַר אונזער גליק, קינדער! פאַר א גיכן זיג איבער אונדזערע פיינט!

ע ר י ק: פאַרן פאָטערלאַנד!

ה ע ל ע נ ע: (מיט טיפן ערנסט) פאַר די פאַרפאַלגטע, וואָס קעמפן פאַרן לעבן!...

קרימהילד און עריק קוקן אויף איר באַאומרויִקט.

ק ר י מ ה י ל ד: (כיטרע) ריכטיק! (שלאָגט אָן איר גלעזל אין זייערע גלעזלעך) זייער ריכטיק!

זיי טרינקען אויס.
קרימהילד גיסט ווידער איין.

ה ע ל ע נ ע: דו טרינקסט אָפּט, מוטער?

ע ר י ק: (שטיל) וואָס איז'ס פאַר א פראַגע?

ק ר י מ ה י ל ד: צי אָפט? אזוי אָפט, ווי מיר איז דאָס צומוט, מיין קינד. אזעלכע מאָמענטן זענען אָבער זייער זעלטן אין מיין איינזאַמען לעבן דאָ.

ה ע ל ע נ ע: דו דאַרפסט זיך באַפרייען. פאָרן מיט אונדז.

ק ר י מ ה י ל ד: איך בין אין קריגס־דינסט. פון אזעלכע אַמטן באַפרייט מען נישט.

ע ר י ק: מיר וועלן באַמיען זיך אויף אָפּצוערע באַזוכן ביי אייך.

ק ר י מ ה י ל ד: דאָס וואָלט אַרויסגערופן פאַרדאַכט. אין מיין אַרבעט דיספּאָניר איך מיט שטאַאַטס־געהיימנישן.
ע ר י ק: דאָס איז אַבסאָלוט ריכטיק.

זיי עסן.
מאַרי קומט, נעמט צונויף אויף אַ טאַץ אַ טייל באַפּרייטע כלים פון טיש.
דאָס שטוב-מיידל קומט אַריין.

ש ט ו ב־מ יי ד ל: מאַדאַם! איך וויל אייך מעלדן, אַז דער הער געהיימראַט פאָן בירקע.

העלענע און עריק רייסן זיך גלייכצייטיק אויף פון די ערטער. ביידע גלייך רופן אויס:

ע ר י ק: (אויפגערודערט) ד אָ ! ?
ה ע ל ע נ ע: (מיט פרייד) געקומען?
ק ר י מ ה י ל ד: (קוקט צעמישט דאָ אויף העלענען, דאָ אויף עריקן) פאָן בירקע... ווער איז דאָס?
ע ר י ק: (צו העלענען) פאַרוואָס איז ער געקומען?
ה ע ל ע נ ע: (הערט אים נישט. צו דער מוטער) דאָס איז דאָך דער פּראָפעסאָר!
ק ר י מ ה י ל ד: (באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו באַהערשן זיך) דער פּראָפעסאָר, זאָגסטו...
ה ע ל ע נ ע: דער פאָטער. פּראָפעסאָר שוואַרצשטיין!
ק ר י מ ה י ל ד: (שפּילט) אַ־אַ! ריכטיק דער פּראָפעסאָר. אונדזער...
ה ע ל ע נ ע: אָבער געוויס, מוטער! (וויל גיין).
ק ר י מ ה י ל ד: (האַלט זי צו פאַר די הענט, ווי פון גרויס פריידיקע .. איבעראַשונג) נו שטעל זיך פאָר. (צו דעם שטוב־מיידל) זאָפאָרט אַריינבעטן!
ש ט ו ב־מ יי ד ל: גוט מאַדאַם!

שטוב-מיידל גייט אָפּ.
מאַרי גייט מיט די כלים, דרייענדיק ווילד מיט די אויגן.
מאַרי — אָפּ.
קרימהילד גייט אין צימער אַריין, נאָך איר גייען העלענע און עריק.
פון אַרייַנגאַנג קומט דער פּראָפעסאָר.

ק ר י מ ה י ל ד: (שפּילט) ווילקאָמען, ליבער הער פּראָפעסאָר! וואָס פאַר אַ זעלטענער גאַסט ביי מיר אין הויז!
פ ר אָ פ ע ס אָ ר: איך בין זייער גערירט!

דריקן זיך די הענט.

ק ר י מ ה י ל ד: וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל! גראָד זיינען מיינע קינדער אויך הייַנט געקומען.

העלענע פאַרהאַלט לענגער דעם פּראָפעסאָרס האַנט. זי קוקט אים מיט שטאַרקער דערמוטיקונג אין די אויגן אַריין. עריק באַגריסט אים מיט אַ קילן, קורצן האַנט-דרוק.

ק ר י מ ה י ל ד: איר וועט האַלטן מיט אונז מאָלצייט!
פ ר אָ פ ע ס אָ ר: בעסטן דאַנק אייך. איך בין נאָך מאָלצייט.
ק ר י מ ה י ל ד: אָבער — ביטע — זיצט. (צו דער טיר) מאַרי!
פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אַ דאַנק. (ער זעצט זיך).
מ אַ ר י: (אין טיר. צעמישט) ביטע גנעדיקע!
ק ר י מ ה י ל ד: קאַפע!

מאַרי — אָפּ.

פאַרוואָס זיצט איר נישט קינדער?

עריק און העלענע זעצן זיך.

ק ר י מ ה י ל ד: די לעצטע טעג, ווי איך וואָלט געהאַט אַ פאַרגעפיל. אַז איך וועל אייך דאָך געפונען! וואָס איז מיט אייער פרוי? מיט אַננאַ? זיי זיינען מיט אייך?
פ ר אָ פ ע ס אָ ר: מיין ראָזאַ, זי איז איצט מיין גרעסטע זאָרג, ליבע קרימהילד!
ק ר י מ ה י ל ד: פאַרצווייפלען דאַרף מען נישט. האָט מען זיי נישט באַפרייט צוזאַמען מיט אייך?
פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (שמייכלט פיינלעך) באַפרייט?
ק ר י מ ה י ל ד: (ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטויסן) אָך... אַזוי...
פ ר אָ פ ע ס אָ ר: דייטשע מענטשן אין עס־עס־מונדירן, האָבן מיך אַרויסגעפירט.
ק ר י מ ה י ל ד: עס־עס! איינגאַנצן אומבאַקאַנטע מענטשן?
פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (דורכגענומען) מ ע נ ט ש ן...

ק ר י מ ה י ל ד: ווען מיר וואָלטן זיי געקאָנט — אונדזער דאַנקבאַרקייט אויסדרוקן... !

ה על ע נ ע: דאָס האָבן מיר, מוטער, אַדורכגעפירט!

ק ר י מ ה י ל ד: וואָס איך הער!

ע ר י ק: (אונטער דער נאָז) באַכוואַס ? ...

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: איר — דו און עריק?

ה ע ל ע נ ע: איז די טאַנטע ראָזאַ נישט געווען צוזאַמען מיט אייך?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אויף דער גרענעץ האָט מען אונדז פונאַנדערגעטיילט. אין דער זעלביקער צייט האָט מען מיך אַרויסגעפירט.

ק ר י מ ה י ל ד: גוט וואָס איר האָט געהאַט מיין אַדרעס.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (צו העלענען) ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך דיין בריוו דערהאַלטן. (צו קרימהילדן) אין דעם בריוו האָב איך אייער אַדרעס געפונען.

ע ר י ק: (פּלאַצט אַרויס. צו העלענען) האָסט געהאַט זייער אַדרעס?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (נישט אָריענטירט אין וואָס אים גייט) אין דעם בריוו, וואָס איך האָב געשיקט פאַר אַנאַנאַס וועגן, האָב איך אָנגעגעבן מיין אַדרעס.

ע ר י ק: פאַר אַנאַנאַס וועגן? (צו העלענען) דו ווייסט דאָך נישט ווו זי געפינט זיך.

קרימהילד באַוועגט זיך אומרויק אויפן אָרט.

ה ע ל ע נ ע: (מיט אונטערדריקטן כעס) איך ווייס נישט!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (באַאומרויקט) איז מיין בריוו צו איר נישט דערגאַנגען?

ה ע ל ע נ ע: (צו עריקן) אָבער עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס ווייסן ווו זי געפינט זיך.

מאַרי קומט אַריין מיט קאַווע. דערלאַנגט יעדן באַזונדער זיין שעלכל.

ק ר י מ ה י ל ד: (צו מאַרי) פאַרמאַכן גוט די טיר! זאָל קיינער מער אַהער נישט אַריינגייען!

מ א ר י: גוט, גנעדיקע.

מ א ר י גייט אָפּ.

ע ר י ק: ס'איז וווּנדערלעך, העלענע. דו האָסט אויסבאַהאַלטן פאַר מיר.

ה ע ל ע נ ע: איך האָב דיר באַדאַרפט דערציילן וועגן דעם?

ע ר י ק: אַבסאָלוט, העלענע!

ה ע ל ע נ ע: אַ ב ס אָ ל ו ט?

ק ר י מ ה י ל ד: אָבער אין וואָס גייט דאָ?

ע ר י ק: עס גייט אין אַ נישט ריכטיקער האַנדלונג קעגן מיר. (צו העלענען) דו שטעלסט מיך אין אַ זייער שלעכטער לאַגע.

ה ע ל ע נ ע: (בייז) דו האָסט פון מיר אַן ערנוואָרט גענומען.

ע ר י ק: (פאַרלוירן) אַ־אַ... העלענע...

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (אומרויק) אין וואָס האַנדלט זיך, עריק?

ע ר י ק: (צעמישט) אין וואָס עס האַנדלט זיך? (צו העלענען) דענקסטו אַז איך וואָלט געווען דערקעגן, אונטערצונעמען ווייטערדיקע שריט?

ה ע ל ע נ ע: (מיט ווידערווילן) צי איז נישט מעגלעך מיר זאָלן אויפהערן רעדן וועגן דעם?

ע ר י ק: פאַרוואָס? פאַרוואָס נישט אויפקלערן?

ה ע ל ע נ ע: דיין שטעלונג איז מיר גוט באַקאַנט! בעסער...

ע ר י ק: מיין שטעלונג...

ק ר י מ ה י ל ד: ווי נישט אָנגענעם דאָס איז, קינדער מיינע, פאַר מיר, פאַר אונדזער טייערן גאַסט. (צום פּראָפעסאָר) יוגנט! הייס בלוט! (צו עריקן) איך שטעל מיר פאָר, אַז דער הער פּראָפעסאָר, האָט אין זיין בריוו צו העלענען, געבעטן די פולסטע דיסקרעציע. און מיט רעכט! פאַרוואָס העלענע האָט נישט דערציילט דיר וועגן דעם בריוו, איז קלאָר. ס'איז נישטאָ וואָס צו באַליידיקן זיך.

ע ר י ק: (זעענדיק העלענעס אָנגעשטרענגטן אויסדרוק, וויל זיך, זעט אויס צוריקציען) איך... בין נישט באַליידיקט... מיין באַמערקונג איז געווען... נאָר פון גוטן ווילן.

ק ר י מ ה י ל ד: אָבער דו דאַרפסט דאָס פאַרשטיין: דער שיקזאַל פון הער פּראָפעסאָר און זיין פאַמיליע, באַדייט פאַר העלענען אַ פאַרגלייך מער, ווי פאַר דיר...

ע ר י ק: אַבסאָלוט ריכטיק.

ק ר י מ ה י ל ד: (צו העלענען) אָט פאַרוואָס עריקס שטעלונג קאָן נישט זיין די זעלביקע וואָס דיינע, טאָכטער!

ע ר י ק: (קוקנדיק אויף העלענען) איך פאַרזיכער אייך, מוטער, אַז מיין באַמערקונג, כאָטש זי איז מעגלעך נישט געווען אויפן אָרט, איז געווען דורכויס אַ פאָרמעלע, בלויז צוליב פּינקטלעכקייט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: (צו העלענען) עריק איז דײַן צוקונפטיקער מאַן. דו דאַרפסט פאַר אים נישט האָבן קיין געהיימנישן.

העלענע שפּילט זיך פאַרטראַכט מיטן לעפעלע, וואָס אין קאַווע-שעלכל.

ק ר י מ ה י ל ד: (פייערלעך) אַלזאָ, אין נאָמען פון דער געמיינזאַמער האָך פאָדער איך פון אײַך, קינדער, אויפן אָרט — איבערבעטן זיך.

ע ר י ק: (שטייט אויף. צו העלענען) איך בין באַגאַנגען אַן אומטאַקט, העלענע! איך פאַרזיכער דיר, אַז דאָס וועט זיך נישט ווידערהאָלן מער.

העלענע זיצט אין דער פריערדיקער פּאָזע. רירט זיך נישט פון אָרט.

דאָס וואָס מיר טוען, העלענע, איז פאַרבונדן מיט אַן אַ צאָל אומאַנגענעמלעכקייטן און געפאַרן. פאָרזיכטיקייט און איבערגעזעענקייט זײַנען נישט בלויז וויכטיק פאַר אונדזער זיכערקייט-וועגן, ס'איז נאָך מער נייטיק פאַר דעם דערפאָלג פון דערפילן אונדזער פליכט. (האַקט אָפּ. קוקט אומרויק אויף העלענען. נאָך אַ רגע) איז מיר דערלויבט אַנטשולדיקן זיך פאַר דיר, העלענע?

ה ע ל ע נ ע: (שטייט אויף) ס'איז בעסער, ווען מען דאַרף אַזאַ דערלויבניש נישט בעטן.

ע ר י ק: (דערלייכטערט) אַבסאָלוט!

ער נעמט זי אַרום. קושט זי. זיי פאַרנעמען צוריק די ערטער.

ק ר י מ ה י ל ד: (שײַנענדיק) איר וועט זײַן דאָס גליקלעכסטע פּאָר, מײַנע קינדער... (צום פּראָפעסאָר) מיר וועלן זיי אַנטשולדיקן פאַר דער געשטערטער אויפמערקזאַמקייט. (צו העלענען און עריקן) מיר דאַרפן רויק באַטראַכטן, וואָס ס'איז דאָ ווײַטער צו טאָן.

ה ע ל ע נ ע: (לעבהאַפטיק) איז מיר דערלויבט, מוטער?

ק ר י מ ה י ל ד: ביטע! דו ווילסט עפּעס זאָגן וועגן דעם?

ה ע ל ע נ ע: וועגן דעם, מוטער. איך האַלט, אַז ביז דעם אויסגעפונען דאָס אָרט ווו עס געפינט זיך די מאַנטע ראָזאַ, דאַרפן מיר דעם פּאַט... דעם הער פּראָפעסאָר אײַנאָרדענען דאָ.

ע ר י ק הערט ווידער אומרויק. קרימהילד האָט דאָס באַמערקט.

ק ר י מ ה י ל ד: (באַהערשט) אין אונדזער הויז?

ה ע ל ע נ ע: אין אונדזער הויז. דווקא דאָ, וועט ער זײַן אַמזיכערסטן. איך גלויב, אַז דיר, מוטער, וועט נישט שווער זײַן אַרויסצובאַקומען אַ קאָפּיע פון דעם דאָקומענט. איך מיין פון דעם שטאַטס-בריוו, וועגן וועלכן דו האָסט אונדז געשריבן. דער דאָזיקער בריוו וועט מעגלעך דערלויבן אויף אַ לעגאַלן וועג צו באַפרייען די מאַנטע ראָזאַ.

ק ר י מ ה י ל ד: (פאַרטראַכט) יאָ, יאָ, איז דאָס אַלץ?

ה ע ל ע נ ע: דערווייל — אַלץ.

ק ר י מ ה י ל ד: וואָס זאָגסטו הערצו, עריק?

ע ר י ק: (אויסמײַדנדיק) מע דאַרף דאָס באַטראַכטן.

ק ר י מ ה י ל ד: און איר, הער פּראָפעסאָר?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: אַזוי לאַנג ווי מײַן פרוי איז נישט פרײַ, האַלט איך פאַר איבעריק די זאָרג וועגן מײַן פּערזאָן. דאָס וועט זײַן אַן איבעריקע לאַסט פאַר אײַך.

ק ר י מ ה י ל ד: מיר האַלטן אָבער, הער פּראָפעסאָר, אַז אַלץ וואָס איז אין אונדזערע מעגלעכקייטן, מוז געטאָן ווערן! נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן.

ה ע ל ע נ ע: (בייגט זיך אָן. נעמט אַרום די מוטער. קושט זי) ריכטיק, מוטער!

ק ר י מ ה י ל ד: (מוסרדיק) דו טראַכסט שלעכט, קינד, ווען דו מיינסט, אַז אַלע זײַנען איינשטימיק מיט דעם, וואָס היינט קומט פאָר ביי אונדז. מענטשן זײַנען דאָ פאַרשידענע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר: זיי זײַנען אונדזער האָפענונג!

ק ר י מ ה י ל ד: יעטוועדער טוט, וואָס ער קאָן אַנטקעגן צו ווירקן דאָס שלעכטס.

ה ע ל ע נ ע: אויך צווישן די זײַנען פאַראַן פאַרשידענע.

ק ר י מ ה י ל ד: נאַטירלעך! איך האָב דורכגעטראַכט דײַן פּלאַן. ס'איז זייער גוט, וואָס דו האָסט דערמאָנט וועגן דעם זיכערקייטס-דאָקומענט, וועלכער איז לײַדער צו שפּעט דערגאַנגען. איך לייג אויף אים גרויסע האָפענונגען. דאָס איז אַ וויכטיקער דאָקומענט. (פּויזע) וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס אײַנאָרדענען דעם הער פּראָפעסאָר ביי אונדז אין הויז, איך האַלט דאָס פאַר דורכויס געפערלעך. צוליב מײַן אַמט איז דאָס הויז אַן אָביעקט פון באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט.

ה ע ל ע נ ע: (מיט זאָרג) ווו קאָנען מיר געפינען אַ צווייט אָרט, וואָס זאָל זײַן גענוג זיכער?

ק ר י מ ה י ל ד: (טראַכט) אַ צווייט אָרט... דאָס איז אַ פראַגע... איין מאָמענט! (זי שטייט אויף און גייט צום טעלעפאָן. זי נעמט דאָס טרייבל

אין האַנט ליגט עס אָבער באַלד צוריק און קערט זיך אום אויף איר אָרט.) ביין. טעלעפאָניש איז דאָס נישט געוווּנטשן. איך וועל אָנשרייבן אייניקע ווערטער.

עריק דערלאַנגט איר זיין פעדער און א פּערטעלע פּאַפּיר פון זיין בלאָקנאָט.

אַ דאַנק! (זי רעדט און שרייבט גלייכצייטיק) דאָס איז אַן עלטערע זייער אָנשטענדיקע דייטשע פרוי. זי אַרבעט אין פּאָסט־אַמט. צו איר קומען אָפט צוגאַסט נאָענטע פון דער היים־שטאָט. (הויבט אויף די אויגן פון דער שריפט) ס'איז אומבאַדינגט דאָס זיכערסטע אָרט. (שרייבט ווייטער. רעדנדיק) דורך דער דאָזיקער פרוי וועלן מיר זיך אויך אַמבעסטן קאָנען קאָמוניקירן. (זי לייגט צונויף צחאַמען דעם בריוו און גיט אים דעם פּראָפעסאָר אין האַנט אַריין.) אַנטשולדיקט מיר. (זי נעמט צוריק די אַדרעס האָב איך פאַרגעסן אָנשרייבן. (שרייבט אָן) ביטע!

דער פּראָפעסאָר נעמט פון איר דעם בריוו. זי קוקט אויפן זייגער.

זי איז איצט אין דער היים. (צום פּראָפעסאָר) מוט, הער פּראָפעסאָר!

פּראָפעסאָר, קרימהילד, באַלד דערנאָך העלענע און עריק — שטייען אויף פון די ערטער.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: (דערלאַנגט די האַנט קרימהילדן) אַנטשולדיקט מיר.
ק ר י מ ה י ל ד: מע דאַרף נישט! מיר טוען אונדזער הייליקסטע פליכט.
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: מיר פאַרשאַפן איך זאָרג. (ער נעמט אַרום פאָטערלעך העלענען) זיי נישט ווידערשפּעניק, העלענע.
ה ע ל ע נ ע: (מיט אויסדרוק) מיר מוזן ווידערשפּעניק!
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: די צייט וועט אייביק נישט דויערן.
ה ע ל ע נ ע: אַז מען וועט זי ענדערן.
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: איין גאָט קאָן דאָס טאָן. (דערלאַנגט עריקן די האַנט) נעם זי נישט פאַר אומגוט. זי האָט אַ גוטן כאַראַקטער!
ע ר י ק: דערפאַר ליב איך זי, הער פּראָפעסאָר.
פּ ר אָ פ ע ס אָ ר: דערפאָלג. זייט גליקלעך!

קרימהילד, עריק, האַלטנדיק מיט אַ באַזונדערער צערטלעכקייט העלענען פאַרן אָרעם, באַגלייטן דעם פּראָפעסאָר ביז צו דער טיר.

פּראָפעסאָר — אָפּ.

ק ר י מ ה י ל ד: (ווי פאַר זיך) אומגליקלעכע! וואָס פאַר אַן אומרעכט עס געשעט מיט די מענטשן. (צו עריקן און העלענען) איר וועט אייך איבערגיין אַביסל אין גאָרטן. איך וועל אין דער צייט אָנשרייבן מיין ווענדונג וועגן אַרויסבאַקומען די קאָפּיע פון דעם זיכער־בריוו פאַר דעם פּראָפעסאָרס פאַמיליע.

עריק און העלענע גייען דורך דער טעראַסע אין גאָרטן אַריין. ביידע — אָפּ.

פּ ו י ז ע.

ק ר י מ ה י ל ד: (גייט ענערגיש צום טעלעפאָן. זי נעמט דאָס טרייבל און פאַרבינדט זיך מיט אַ נומער) האַלאָ! כ'וויל בעטן דעם הער שאַר־....
פירער קורט שטראַמער. ביטע? עס רעדט קרימהילד פאָן הייגאַו. ביטע אַרייננרופן אים. איך וואַרט! (פּויזע) האַלאָ — קורט? יאָ... איך... יאָ... ביטע פאַרנאָטירן זיך... גוט... אַלזאָ... ביטע... (שטיל אָבער אַקצענטירנדיק דייטלעך יעדעס וואָרט) הימלער־שטראַסע נומער אַכטצן... יאָ... זעכצונג פינף... גאַנץ ריכטיק! פראַו מאַרטאַ שאָלצע... יאָ־יאָ. ביטע ווייטער!... געהיימראַט פאָן בירקע... ריכטיק — פּראָפעסאָר היינריך שוואַרצשטיין... ריכטיק, דער מאַן פון דער ראָזאַ, זייער ריכטיק. ווידערהאַלן... גוט! היינריך שוואַרצשטיין — יודע — אַנטלאָפענער פון עטאַפּ...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

דריטער אַקט.

פערט בילד.

די זעלביקע דעקאָראַציע, וואָס אין לעצטן בילד. פון דער טעראַסע דרינגט אריין א רויט געדעמפּט אָוונט-ליכט, וואָס לעשט זיך לאַנגזאַם.
פון די אינעווייניקסטע צימערן קומט מאַרי. דאָס שטוב-מיידל קומט איר אַנטקעגן פון הויפּט-אַריינגאַנג.

ש ט ו ב - מ יי ד ל: איך האָב געזאָגט דעם שאָפער — ער פאָרט שוין אַרויס זיי באַגעגענען.

מ אַ ר י: די גענעדיקע דענערווירט זיך צוליב זעם. (זי פאַרהאַלט זיך לעבן דער טעראַסע און קוקט ארויס) באַלד נעמט עס גיין, ווי פון צעבערס. זיי זייַנען באַקאַנט און הויל. (דאָס שטוב־מיידל צעלאַכט זיך שטיל) דו לאַכסט? זיי קאָנען זיך פאַרקילן!

עס הערט זיך א דונער.

(פאַרציטערט) איך לייד דאָס נישט, מוז איך זאָגן.

דאָס שטוב־מיידל מאַכט צו די פענצטער אויף דער טעראַסע. גייט אָפּ.

א בליק באַלויכט העל די בינע. ס'הערט זיך ווידער א דונער, און עס נעמט מיט גרויס רעש גיין א רעגן. קרימהילד קומט ארויס פון די אינעווייניקסטע צימערן. זי איז יום-טובדיק אָנגעטאָן, אומרויק און דענערווירט.

ק ר י מ ה י ל ד: (קוקט אַרויס) פינצטער אויפן גאַס. דאַכט זיך, אַז זיי גייען (זי דערזעט מאַרין) נו, אַן איינפאַל!

מ אַ ר י: אַן איינפאַל. און דאָס — פונקט הייַנט.

קרימהילד און מאַרי גייען צום אַרויסגאַנג. פון דאָרט קומען אריינצולויפן, אויסגעווייקטע פון רעגן, העלענע און עריק.

ק ר י מ ה י ל ד: מיין גאָט! ווערמענס איינפאַל איז דאָס געווען אַהיים־צושיקן דעם אויטאָ?

ה ע ל ע נ ע: מייטער, מוטער! דאָס וועטער איז געווען גוט. איך האָב געוואָלט מיר זאָלן ליבער שפּאַצירן.

ק ר י מ ה י ל ד: גייט זאָפאָרט איבערטאָן זיך! (מיט האַרץ) ווי דו פאַרשאַפסט מיר זאָרג, העלענע! מיר האָבן אָפּגערעדט איר זאָלט אַהיים־קומען פריער.

ה ע ל ע נ ע: אַנטשולדיקט מיר, מוטער, אָבער אונדז איז זייער אַנגענעם געווען צו לויפן אין רעגן.

ע ר י ק: (לאַכט) איך האָב געפאָדערט גלייך צוריקקערן זיך אַהיים, האָט זיך העלענען פאַרוואָלט גייך אויפזוכן דעם פּראָפעסאָר.

ה ע ל ע נ ע: (ערנסט) און דו ביסט צופרידן, וואָס מיר איז דאָס נישט געלונגען!

ע ר י ק דו ביסט מיר צו טייער, העלענע, ס'איז געפערלעך!

ק ר י מ ה י ל ד: (גיך) דו האָסט זיין אַדרעס?

ה ע ל ע נ ע: איך האָב געוואָלט אָנקלינגען צו דיר.

ק ר י מ ה י ל ד: (אויפגערעגט) דו מיינסט, מיין קינד, אַז וואָלסט די אַדרעס פון מיר באַקומען? ניין און ניין! דו ביסט לייכטזיניק. אויך איך וועל מיך באַמיען וואָס וויניקער פערזענלעך אים באַזוכן. יעדער איבעריקער וויזיט קאָן זיין אַן אורזאַך פאַר אַ נישט-געווונטשענע פּאַראינטערעסירונג פון דער (שטיל) געשטאַפּאָ. דו טראַכסט גאָרנישט, וואָס אַזאַ קאַפּריז קאָן קאָסטן, העלענע!

ה ע ל ע נ ע: (פאַרענטפערט זיך) איך האָב נאָר געוואָלט זען, ווי אַזוי דער פּראָפעסאָר האָט זיך איינגעאָרדנט.

ק ר י מ ה י ל ד: (פאַר זיך) וואָס פאַר אַן אומגליק! (צו העלענען) גיי און טו זיך איבער!

העלענע גייט אָפּ אין די ווייטערדיקע צימערן.

ע ר י ק: (פאַרזאָרגט) זי איז נישט געהאָרכזאַם.

ק ר י מ ה י ל ד: מע דאַרף פּילן איר האַרץ. דער פּראָפעסאָר איז דאָך פאַר איר מער ווי גלאָט אַ מענטש.

ע ר י ק: אָ, נישט בלויז דאָס, מוטער. עס האַנדלט זיך נישט בלויז אין איר זאָרג וועגן פּראָפעסאָר.

ק ר י מ ה י ל ד: (ווייך) איז צווישן אייך עפּעס פאָרגעקומען?

ע ר י ק: ניין. ס'איז גאָרנישט פאָרגעקומען. עס קומט אָן אויפהער פאָר.

ק ר י מ ה י ל ד: דו באַאומרויקסט מיך, עריק.

ע ר י ק: זי קוקט אויף אַלעם מיט אַנדערע אויגן. די רייזע האָט זי נאָך מער אויפגערודערט.

ק ר י מ ה י ל ד: צום בײַשפּיל?

ע ר י ק: זי האָט מיר הײַנט געזאָגט אַז זי וועט נישט צוריקפאָרן, ווי לאַנג עס וועט נישט קלאָר ווערן די זאַך מיט דעם פּראָפעסאָרס פרוי.

ק ר י מ ה י ל ד: (אויפגערעגט) דו הערסט צו אויפמערקזאַם, וואָס זי רעדט. מע דאַרף דאָס פאַרשטיק.

ע ר י ק: אָבער...

ק ר י מ ה י ל ד: איך בין אַ מוטער. (לייגט איר פאַרטרוילעך אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל. פירנדיק אים צו די ווייטערדיקע צימערן). דער דאָזיקער צושטאַנד אירער באַאומרויקט אויך מיך. איך פאַרשטיי אים זייער גוט. (עריק שטעלט זיך אָפּ און קוקט איר דערוואַרטנדיק אין די אויגן אַרײַן) העלענע איז שוין לאַנג נישט קיין זעכצניעריקע. זי איז אַ רייפע פרוי און דאַרף הייראַטן!

ע ר י ק: איך האָב זי דאָס פאַרגעלייגט נאָך פאַר אונדזער רייזע אַהער.

ק ר י מ ה י ל ד: לייג זי דאָס פאָר הײַנט, אין מײַן אָנוועזנהייט!

ע ר י ק: גוט, איך וועל דאָס טאָן.

עריק גייט אָפּ.

ק ר י מ ה י ל ד: מאַרי!

מ אַ ר י: (וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען בײַ דער טיר און צוגעהערט זיך. גייט צו איר) איך הער אייך, גנעדיקע!

ק ר י מ ה י ל ד: דעקן דעם טיש!

מ אַ ר י: שוין גלײַך, גנעדיקע!

מאַרי גייט אָפּ.

ק ר י מ ה י ל ד: (בײַם שפּיגל) די זאַך מוז הײַנט פאַרענדיקט ווערן.

דאָס שטוב-מיידל און מאַרי קומען אַרײַן און נעמען, אונטער דער אויפזיכט פון קרימהילדן, גרייטן דעם טיש. פון די אינעווייניקסטע צימערן הערט זיך עריקס געלעכטער. קרימהילד צעשמייכלט זיך. די אָנשטרענגונג לאָזט נאָך פון איר געזיכט. דאָס שטוב-מיידל — אָפּ. קרימהילד שליסט אײַן דאָס צוגאָב-ליכט אין די זשיראַנדאָלן. אַ בלענדנדיקע שײַן פאַרפלייצט די בינע.

מ אַ ר י: (פאַרבלענדט פון דער ליכטיקייט) גאָט-פאָטער, ווי אין הימל, פאַרגעבנס!

עס קלינגט בײַם אַרײַנגאַנג.
מ א ר י גייט אָפּ.
קרימהילד קוקט זיך אײַן אין שפּיגל.
ק ו ר ט קומט אַרײַן
מיט אַ קויש. מאַרי וויל אים דעם קויש אַרויסנעמען פון די הענט.

מ אַ ר י: דערלויבט, גנעדיקער הער.

ק ו ר ט: (גראָב) מע דאַרף נישט, אַלטע! (צו קרימהילדן) גוטאָוונט, קרימהילד!

ק ר י מ ה י ל ד: (גייט אַנטקעגן) לאָז אָפּ, מאַרי! (צו קורטן) גוטנאָוונט קורט!

מאַרי אָפּ.

ק ר י מ ה י ל ד: וואָס פאַר אַ שיינער קויש!

קורט שטעלט דעם קויש אוועק אויף אַ קליין טישעלע. זײַן שמייכל זעט אויס ווי נאָך אַ היפּשער כוסה.

ק ו ר ט: באַשיידן, ליבע קרימהילד. (ער וויל זי אַרומנעמען, ער דערמאָנט זיך אָבער... און ציט זיך צוריק) אַנטשולדיק מיר... איך האָב עטוואָס געפּרוווט פון דעם געטראַנק.

ק ר י מ ה י ל ד: (מיט אַ דראָענדיק, אָבער פרײַנטלעך שמייכעלע) נישט פאַרגעסן זיך, ליבער!

זיי דריקן זיך די הענט.

ק ר י מ ה י ל ד: (שטיל) ווי איז אַדורך?
ק ו ר ט: (מיט אַ שנעפטש) פיקס! ביז איינעם. מאָרגן מאַכן מיר סעלעק-
ציע פון דער ניקער פּאַרטיע.
ק ר י מ ה י ל ד: (ווי פריער) איך מיין מיט דעם פּראָפעסאָר...
ק ו ר ט: (הויך) אַ־אַ!
ק ר י מ ה י ל ד: ש־ש־ש־ש.
ק ו ר ט: (שטיל) מיט אים איז דאָס געווען גאַנץ פריילעך.
ק ר י מ ה י ל ד: אַדורכגעפירט?
ק ו ר ט: געגני צוועלף אַזייגער בייטאָג, ווי מיר האָבן דאָס אָפּגעשטימט.
(אויף אַ דייטלעכן צייכן פון קרימהילדן רייסט ער איבער).

העלענע און עריק קומען פון די אינעווייניקסטע צימערן.

ק ר י מ ה י ל ד: (הויך צו קורטן) דאָס איז זייער שיין פון אייער זייט,
און אָט זיינען אונדזערע טייערע געסט.

קרימהילד און קורט גייען זיי אַנטקעגן.

ק ו ר ט: איך בין גליקלעך צו באַקענען אייך!
ק ר י מ ה י ל ד: (שטעלט פאָר) דאָס איז קורט שטראַמער, אונדזער
פריינד. העלענע — מיין טאָכטער!

קורט דריקט העלענען די האַנט.

ק ו ר ט: זייער אָנגענעם!
ק ר י מ ה י ל ד: (שטעלט פאָר) עריק פאָן בערגען — איר צוקונפטיקער
מאַן!
ק ו ר ט: זייער אָנגענעם!

זיי דריקן זיך די הענט.

ע ר י ק: זייער אָנגענעם:

אלע גייען צום טיש. מארי קומט מיט דינסט-גרויטקיום.
זי שטעלט זיך אין א זייט.

ק ו ר ט: (צו קרימהילדן) איך בין אומגעהייער איבעראַשט!
ק ר י מ ה י ל ד: (צו אַלע) פאַרנעמט ערטער, ביטע. (צו קורטן) מיט
וואָס זענט איר דאָס אַזוי איבעראַשט, ליבער פריינד?

ק ו ר ט: איר האָט דאָך אַ באַצויבערנדיקע טאָכטער. ערנוואָרט! (צו
עריקן) נישט וואָר? איר לאַכט? (מיט געמאַכטן ערנסט) איך אויף אייער
אָרט, יונגער פריינד, וואָלט נישט געלאַכט. דאָס איז אַ פאַקט. דער
פאַקט דאַרף אייך באַאומרויקן. ערנוואָרט! איר זענט דאָך נאָך נישט
פאַרהייראַט.
ק ר י מ ה י ל ד: (נעמט אַ פלאַש איינצוגיסן. מאַרי שפרינגט אונטער
וויל אַרויסנעמען ביי איר די פלאַש.) נישט נייטיק, מאַרי. (צו קורטן)
געוויס פילט ער זיך גענוג באַוואָרנט. (צו מאַרי) ווען דו וועסט נויי-
טיק זיין וועל איך דיך רופן.

מארי, מיט א זויערער מינע, גייט אָפּ.

ק ו ר ט: (נעמט אַרויס די פלאַש פון קרימהילדס האַנט. לייענט איבער
די עטיקעט.) דערלויבט מיר. דעם ערשטן באָקאַל טרינקען מיר פון
מיין ווייך. (ער שטייט אויף און גייט צום קויש, וואָס ער האָט גע-
בראַכט. ער ברענגט פון דאָרט פינף פלאַשן מיט אַמאָל.) יונגער וויק,
מיינע פריינד, זאָגט מען ביי אונדז, איז פאַר אַלטע לייט. קיין אַלטע
לייט זיינען צווישן אונדז נישט פאַראַן. (ער גיסט איין די גלעזלעך. צו
העלענען) דער ווייך האָט אין זיך ליבעס-פייער! (צו קרימהילדן) אַלס
גאַסט דערלויבט מיר, הייבן דעם ערשטן טאָאַסט!

אלע נעמען די גלעזלעך.

פאַר ליבע און פריינטשאַפט!

מע שלאָגט זיך אָן אין די גלעזלעך. זיי טרינקען. קורט
גיסט גלייך פריש איין.

ע ר י ק: (קוקט אויף דער פלאַש. צו העלענען) גלענצנדער.
ק ר י מ ה י ל ד: (צו קורטן) מיר וועלן פריער צובייסן.
ק ו ר ט: מיר האָבן געטרונקען פאַר צוויי זאַכן — פאַר ליבע און פאַר
פריינדשאַפט.

אלע אחוץ העלענען טרינקען אויס צום צווייטן מאָל.
מע בייסט צו.

ע ר י ק: עס וואַרעמט.
ה ע ל ע נ ע: (שטיל) טרינק נישט מער!
ק ו ר ט: (צובייסנדיק) פון יאָר ניינצן אַכטהונדערט פינף און זיבעציק —
ריכטיק ליבעס-פייער. (ווינקט עריקן) נישט וואָר?

קורט גיסט ווידער איין.

ק ר י מ ה י ל ד : (צו העלענען) עס. מע מוז צובייסן. דער וויך ווירקט זייער שנעל.

ק ו ר ט : (הייבט אויף זיין גלעזל) פאַר אונדזערע ליבע דייטשע פרויען. (מיטן בליק אויף קרימהילדן) פאַרן גליק פון אונדזערע מוטערס. (טראָגט איבער דעם בליק אויף העלענען) פאַר זייערע פרעכטיקע טעכטער.

אלע טרינקען.

ק ר י מ ה י ל ד : (בגילופין. צו העלענען) פאַרוואָס טרינקסטו נישט, מיין קינד?

ק ו ר ט : (מיט אַ שיכור געלעכטער) קינד? אַ פיין קינד!

ע ר י ק : (שיכורלעך. טוליעט העלענען צו זיך) אַלע זיינען מיר קינדער פון גרויס־דייטשן פאָטערלאַנד.

ק ו ר ט : אַט פאַרוואָס מען דאַרף ריכטיק אויסטרינקען (ער גיסט ווי־דער איין) ערנוואָרט! פאַר די קינדער פון גרויסן דייטשן פאָטערלאַנד!

זיי הייבן די גלעזלעך און טרינקען.

אָ, אָ! (צו העלענען) איר טרינקט נישט מיט אונדז!

ע ר י ק : (נעמט אַרום העלענען) זי איז אימער פריווילעגירט.

ה ע ל ע נ ע : (שמייכלט בלאַס) דו ביסט שוין פאַרטיק, עריק.

ק ר י מ ה י ל ד : (צו קורטן) ס'איז אַ צו שטאַרק געטראַנק פאַר איר.

ק ו ר ט : אָבער ס'קאָן אַזוי נישט זיין, ערנוואָרט!

ער גיסט איין פון דאָס נײַ.

ק ר י מ ה י ל ד : (וויל אים צוריקהאַלטן) קורט...

קורט נעמט זיין גלעזל און הייבט אָן זינגען אַן אַלט פרייסיש טרינק־ליד. עריק האַלט אים מיט. קרימהילד, קענטיק אַנטציקט פון דעם געזאַנג, גייט צו דער פיאַנינע און באַגלייט זיי. זיי ענדיקן זינגען, ליידיקן אויס די גלעזלעך — אָבער קרימהילד, באַרוישט פון דעם ווײַן, הערט נישט אויף און שפּילט ווייטער דעם מאָטיוו.

ע ר י ק : (צו קורטן) איר זינגט פּראָסטפּאָל.

ק ו ר ט : דאָס זינגט — דער יודענ־ווײַן. עכטער ליבעס־פייער! עס גיבט נישט קיין בעסערע, ערנוואָרט! (ער נעמט העלענעס האַנט און קושט זי. צו עריקן) ביי גאָט און פאָטערלאַנד — עכטער ליבעס־פייער!

ה ע ל ע נ ע : (ציט אַרויס איר האַנט פון זיינע. פאַרווונדערט) יודענווײַן?

ק ו ר ט : (לאַכט) וואָס פירן זיי נישט מיט זיך, די רייכע ווערסט־יודען? ווי צו אַ הייראַטס־צערעמאָניאַל קומען זיי צו אונדז. (לאַכט) מיר האָבן שוין, מיט קרימהילדן, פיל קאָמישע זאַכן דערפאַרן. (לאַכט) ווי קאָמיש זיי זיינען, די יודען.

ה ע ל ע נ ע : (וואַרפט אַן אומרויקן בליק צו דער מוטער, וועלכע איז פאַרטאָן אין דעם פיאַנאָ־שפּיל. צו קורטן) דערציילט.

ק ו ר ט : מיר איז טרוקן אין גאָרגל. מען מוז פריער אויסטרינקען.

העלענע גיסט אָן די גלעזלעך.

ע ר י ק : (שיכור. קוקט מיט באַגייסטערונג אויף העלענען) מיר טרינקען פאַר די יודען.

ק ו ר ט : ענדלעך! (שלאָגט זיך אָן אין זייערע גלעזלעך) ווו איז די מו־טער?

ה ע ל ע נ ע : זי שפּילט דאָך. עס מאַכט נישט. (שלאָגט אָן איר גלעזל אין זיינעם) באַלד קומט זי.

זיי טרינקען אויס.

איר דערציילט זייער אינטערעסאַנט! ביטע.

ע ר י ק : (שיכור) וווּנדערבאַר. ווירקלעך.

קרימהילד שטייט אויף. זי האַלט זיך אָן מיט אַ האַנט אין דער פיאַנינע. שמייכלט שיכור.

ק ר י מ ה י ל ד : איך לייג פאָר מאַכן אַ קורצן איבעררייס אויף אַ שפּאַציר אין גאָרטן. (עפנט די טירן פון דער טעראַסע) דער רעגן האָט געווויס שוין אויפגעהערט. (קוקט אין דער דרויסן־ריכטונג) באַלד וועלן מיר דאָס פעסטשטעלן.

קרימהילד גייט אָפּ, וואַקלדיק, אויף דער טעראַסע.

ק ו ר ט : (הייבנדיק זיך מיט שווערקייט פון אָרט) זיי ווילן נישט גלייבן, אַז מען פירט זיי אויף קאַפּוט.

ה ע ל ע נ ע : (אומרויק) זיצט. מיר וועלן באַלד גיין.

ק ו ר ט : באַזונדערס אונדזערע, די דייטשע. אין אונדזער לאַגער האָט מען געבראַכט אַ באַוווסטן פּראָפעסאָר. נאַ־נאַ... זיין נאָמען פאַרגעסן.

(זעצט ארויס מיט אַ געלעכטער) ער האָט אויך זיין זיץ־קישעלע מיט־געבראַכט. (שטיקט זיך פון געלעכטער) זיין זיץ-קישעלע.

העלענע גיסט אים ווידער איין.

ע ר י ק: (לאַכט מיט) אַ זיץ־קישעלע. (ער פאַרהאַקט זיך. וואַרפט אַ בליק אויף העלענען. פאַר זיך) אין לאַגער. (צו קורטן) איר אַרבעט אין לאַגער?

ק ו ר ט: מיר מיט קרימהילדן אַרבעטן אימער צוזאַמען.

טרינקט אויס דאָס אָנגעגאָסענע גלעזל. עריק קוקט זייטיק אויף העלענען. עס מערקט זיך, אז ער שטרענגט זיך אָן צו אָרדנען זיינע געדאַנקען. העלענע זיצט אומבאַוועגלעך.

ק ו ר ט: (באַמיט זיך ווידער אויפצושטיין פון טיש) אָבער דאָס שענסטע איז דאָך געווען מיט דעם פראָפעסאָר. (ער הייבט זיך אויף און פאַלט צוריק אויף דער שטול. ער רופט אין דער ריכטונג פון דער טעראַסע) קרימהילד! קרימהילד! דו מוזט דאָס הערן. (לאַכט) ווען איך האָב אונטער דעם יודיש גענומען, דעם פראָפעסאָר, ער האָט נישט געוואָלט גיין.

קרימהילד באַווייזט זיך א דערפרישטע אין דער טיר פון דער טעראסע. זי קומט א צעשמייכלטע אין צימער אריין.

איך בין געהיימראַט פאָן בירקע, האָט ער געשריגן. (לאַכט) קרים־הילד ווייס עס געננוי.(ער קייכט פאַר לאַכן) קרימהילד. קרימהילד. קרימ...

ק ר י מ ה י ל ד: (פאַרציטערט) קורט!

ק ו ר ט: (הערט נישט. ער ציט זיך צו העלענען, צוריקפאַלנדיק אויפן אָרט) כ'האָב אים פאַרזיכערט, דאָס ער גייט צו זיין ליבער פראַו... איך אויוון אַריין (לאַכט).

ק ר י מ ה י ל ד: (פאַרצווייפלט) ער איז באַטרונקען. ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט. מיין גאָט! קורט...

ה ע ל ע נ ע: (ווי צוגעקלאַמערט צו קורטס האַנט) האָט מען אים שוין הינגעריכטעט?

ק ו ר ט: (קאָן שוין קוים דעם קאָפּ דערהאַלטן.) וואָ-אָס?

ה ע ל ע נ ע: איז ער טויט, דער פראָפעסאָר?!

ק ו ר ט: געוויס — טויט! דער יודע איז פון עטאַפּ אַנטלאָפן. (לאַכט מיט

אַן אומזיניק איינשלאָפנדיקער שטימע) קרימהילד. געשריגן. כאַ־כאַ... ק ר ימ־מ־היל-ד...

ה ע ל ע נ ע: (ציט זיך צוריק פון קורטן מיט אַן אויסדרוק פון גרויל. קערט זיך אום צו דער מוטער) דו?!

ק ר י מ ה י ל ד: העלענע!

ה ע ל ע נ ע: (קוים וואָס מען הערט איר שטים) דו...

קרימהילד שטייט, ווי עלעקטריזירט פון העלענעס מאוים־דיקן בליק.

העלענע קערט זיך אום און גייט אין די ווייטערדיקע צימערן. אָפּ.

ק ר י מ ה י ל ד: (צו עריקן) דאָס איז אַ שרעקלעכע מיספאַרשטענדניש!

ע ר י ק: (גיסט איין ווין אין גלעזל) א מיסטפאַרשטענדניש. (טרינקט אויס) נו, געוויס, אַ מיספאַרשטענדניש.

קורט איז פעסט איינגעשלאָפן ביים טיש.

ק ר י מ ה י ל ד: (טרייסלט אים) קורט! וואָס האָט ער געמאַכט! (שיפענדיק) דער טייוול. קורט! ער איז טויט־באַטרונקען. מיין גאָט. מאַרי!

מארי קומט אייליק אריין.

מ א ר י: גענעדיקע.

ק ר י מ ה י ל ד: (ווייזט אָן אין דער ריכטונג, וווּ העלענע איז אַוועק) גיי און זע, ווו זי איז אַוועק. העלענע! אַן אומגליק איז געשען.

מארי גייט אָפּ אין די ווייטערדיקע צימערן.

(פאַר זיך) וואָס טוט מען?

ע ר י ק: (שטייט אויף. ער וואַקלט זיך. לייכט אויף די פיס) המ... דאָס איז ווירקלעך אומגעהייער!. אומגעהייער, מוטער!.

ק ר י מ ה י ל ד: (צאָרנדיק) אומגעהייער?! איך האָב געמוזט פריי ווערן פון אים! פאַר איך האָב איך דאָס געטאָן! פאַר אייער גוטס, פאַר אייער זיכערקייט!

ע ר י ק: (כמורנע) יאָ-יאָ... אָבער... נישט איר... (וואַקלט זיך) ס'איז אומגעהייער, וואָס איר, המ...

ק ר י מ ה י ל ד: (ווי פריער) איז געווען אַן אנדער אויסוועג? האָב איך נישט געמוזט דאָס טאָן? (זי וואַרפט אַן אומרויקן בליק אויף

קורטן, פארזיכערנדיק זיך, אז ער שקאַפט — מיט אַ שטילער שי־פענדיקער שטים) ש־שוויינעריי. איר האָט אים געהאָלפן אַנטלויפן פון עטאַפּ. דאָס וואָלט אומפארמײדלעך ארויס אויף דער אויבערפלאַך! טויט־שטראָף — זעט פאַר דאָס געזעץ פאר אויסבאַהאַלטן א ייד. נו, און פאר העלפן אַנטלויפן?! (עריק קוקט אויף איר געשפּאַנט) וואָס איז אומגעהייער?

העלענע באַווייזט זיך אין טיר. זי איז אָנגעטאָן אין מאַנטל און הוט. מיט אַ טשעמאָדאַנטשיקל אין האַנט. הינטער איר קומט מאַרי מיט אַ צעשראָקן אויסזען.

ע ר י ק: (האָט זיי נישט באַמערקט) געמוזט... פאַרשטענדלעך! וועגן דער דאָזיקער געפאַר האָב איך גערעדט. ער איז געווען העכסט געפערלעך פאר אונדז. אָבער...

ק ר י מ ה י ל ד: וואָס אָ ב ע ר?!

ע ר י ק: המם... איך מיין — באַדאַרפט באַראַטן זיך. דאָס הייסט... (ער דערזעט העלענען און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער שטול. מורמ־לענדיק) העלענע. העלענע.

ק ר י מ ה י ל ד: (גיט זיך ראַש אַ קער אום אין דער ריכטונג) העלענע!

העלענע קערט זיך נישט אום. גייט.

ק ר י מ ה י ל ד: (דראָענדיק). שטיי!

העלענע גייט ווייטער.

ק ר י מ ה י ל ד: וווּ ביסט פון זינען?

ה ע ל ע נ ע: ביים פולסטן באַוווּסטזיין!

ק ר י מ ה י ל ד: אום צו ראַטעווען דיך לעבן און זיין לעבן (וואַרפט אַ בליק צו עריקן) האָב איך געמוזט. (היסטעריש) האָב איך געמוזט, דו פארשטייסט דאָס העלענע?

ה ע ל ע נ ע: איך פאַרשטיי שוין איצט אַלץ!

ע ר י ק: (שטעלט זיך אויף. מיט גרויסער אָנשטרענגונג) העלענע, ס'איז שוין געשען. ס'איז נישט צום ענדערן. איך זאָג דיר...(העלענעס פאַראַכטנדיקער בליק, זעצט אים צוריק אוועק אויפן אָרט).

העלענע קערט זיך דעצידירט אום צום ארויסגאַנג. קורט וועקט זיך איבער. ער גלאָצט מיט די אויגן.

ק ר י מ ה י ל ד: כוועל דיך מיט קראַפט נישט פאַרהאַלטן. זאָג נאָר וווּ־הין דו גייסט?

ה ע ל ע נ ע: וואָס ווייטער פון אייך.

ק ר י מ ה י ל ד: אומעטום די זעלבע. נישטאָ קיין אַנדערע.

ה ע ל ע נ ע: זיי זענען פאַראַן!

גייט צום ארויסגאַנג.

ע ר י ק: העלענע!

העלענע אָפּ.

פ אַ ר ה אַ נ ג.

פינפט בילד.

נאָך איידער דער פאָרהאַנג גייט אויף, הערט זיך א שאַרפער אלארם פון סירענעס, וואָס זאָגט אָן אָן אָנפלי פון דער פיינטלעכער אַוויאַציע.

מיטן אויפגיין פון פאָרהאַנג ווערן די סירענעס פאַרשטומט.

די בינע שטעלט פאָר אַ זויבער איינגעאָרדנט דאַך־צימער.

דאָס פענצטער אין פאָדערגרונט איז געדיכט פאַרהאַנגען.

אַ נ נ אַ קומט אַריין. זי מאַכט ליכטיק און נעמט אַראָפּ פון זיך דעם מאַנטל.

מע קלאַפּט אין טיר.

אַ נ נ אַ: ביטע.

עס קומט אריין די שכנטע.

ש כ נ ט ע: דער אלארם האָט אייך אויפן וועג געפּאַקט?

אַ נ נ אַ: איך בין גראָד צום הויז דערגאַנגען.

ש כ נ ט ע: ווייל איך האָב אייך אין שוץ־קעלער נישט געזען. אייער מאַן, קענטיק, איז אויך נאָך פון דער אַרבעט נישטאָ...

אַ נ נ אַ: ער דאַרף באַלד אָנקומען.

ש כ נ ט ע: ס'איז זייער געפערלעך היינט צו אַרבעטן אין דער עלעקטראָ־סטאַנציע. זי ווערט דאָך יעדן טאָג באָמבאַרדירט.

א נ נ א: וואָס קאָן מען מאַכן.

ש כ נ ט ע: (זיפצט) קיין טאָג און קיין נאַכט. וואָס וועט אַרויס דערפון?

א נ נ א: (אויסמיידנדיק) ס׳איז קריג, ליבע פרוי.

ש כ נ ט ע: אין די פאַרגאַנגענע פינף יאָר איז דאָך אויך געווען דער קריג. מיר האָבן געלעבט אַזוי רויק, אַזוי גליקלעך. וואָס וועט זיין? וואָס וועט נאָך זיין? זי ווייסן? פעטס און צוקער איז נישט מער צו באַקומען.

א נ נ א: אייער מאַן איז זייער א פלייסיקער.

ש כ נ ט ע: גלייכער וואָלט ער דאָס נישט געווען, ליבע אַנאַ-מאַרי.

א נ נ א: וואָס רעדט איר?

ש כ נ ט ע: ער האָט זיך צופיל אַנגאַזשירט אין דער פּאָליטיק. (מיט שוידער) ווען די... דיזע קומען... איך שטאַרב איינפאַך פאַר אַנגסט.

א נ נ א: איר זענט נישט איינע, ליבע פרוי.

ש כ נ ט ע: וואָס קומט דערפון אַרויס? מיין זאָרג, ליבע אַננאַ-מאַרי, מיין זאָרג — זי פירט מיך איינפאַך פון זינען אַראָפּ. מיין ווירטשאַפט... (וויינענדיק) מיינע קינדער... (שעפּטשענדיק) מע זאָגט — זיי זענען נ אָ נ ט. זייער נאָנט. מיין גאָט! שוידערהאַפט! אַזעלכע ווילדע, אַזיאַטישע אַרמייען. שוואַרצע, געלע. און אַזעלכע גרויזאַמע. פון די שטעט, וואָס זיי פאַרנעמען, נעמען זיי זאָפאָרט צו אַלע פרויען, זאָגאַר מינדעריעריקע. (וויינט) מיין קליינע ליזכען. מיין קליינע וויקי. דערבאַרם זיך גאָט־פאָטער!

א נ נ א: באַרויקט איך, ליבע פרוי. מיר קעמפן דאָך פאַרן פאָטערלאַנד!

ש כ נ ט ע: פאָטערלאַנד... קיין פעטס מער, קיין צוקער. אַזעלכע געפאַרן.

פון ווייטן דערגייט אַהער אַ קינדערישע שטימע, וואָס רופט:

מו—ו—טי!

איך גיי! איך גיי! (צו אננא) וואָס וועט זיין?

גייט אָפּ.

אַננאַ באַגלייט זי צו דער טיר.

י אָ ה אַ ן קומט אַריין, הינטער אים אַ מיטליעריקער מאַן אין שטאַרק אָפּגעטראָגענע אַרבעטער-מלבושים, מיט אַ קעסטל אַרבעט-מכשירים הינטערן אָרעם.

א ר ב ע ט ע ר: גוטנאָוונט!

יאָהאַן גיט אַננאַן אַ צייכן מיטן בליק. זי גייט אָפּ.

י אָ ה אַ ן: (נעמט אַרויס פון מכשירים-קעסטל אַ צוואַנג. ציט אַראָפּ די איזאָליר־גומי פון די הענטלעך. באַטראַכט זיי). גוט!

ער גייט אָפּ אין צווייטן צימער. באַלד קערט ער זיך אום צוריק. מיט צוויי בייגעלעך געדיכט פאַרשריבענע ביבולע. ער וויקלט זיי פאָרזיכטיק אַרום די הענטלעך פון דער צוואַנג און ציט צוריק אַרויף די איזאָליר-גומי.

א ר ב ע ט ע ר: (שרייבט אויס אַ רעכנונג. דערלאַנגט אים מיט אַ שמייכל יאָהאַנען) דאָס איז פאַרן טיש־לאָמפּ.

י אָ ה אַ ן: (שמייכלט) פאַרשטענדלעך, ווילהעלם!

א ר ב ע ט ע ר: (נעמט פון אים די צוואַנג און לייגט זי צוריק אין מכשירים-קעסטל) אויף ווידערזען! יאָהאַן!

י אָ ה אַ ן: אויף ווידערזען, ווילי.

דריקן זיך די הענט.

אַרבעטער אָפּ.

אַ נ נ אַ קומט צוריק. יאָהאַן פאַרלעשט דאָס ליכט. ער קוקט אַרויס אויפן גאַס דורכן פענצטער.

י אָ ה אַ ן: (אַרויסקוקנדיק) וואָס האָט זי געוואָלט?

א נ נ א: זי וויינט. עס דערנענטערט זיך, זאָגט זי...

י אָ ה אַ ן: ווי די שיף־שמשורעס. זיי דערשפירן די ערשטע, וואָס עס קומט אָן.

אַ נ נ אַ: (שטיל) אָ, מיר זאָלן דאָס נאָר דערלעבן!

י אָ ה אַ ן: (קוקט אַרויס, רעדט פאַר זיך) גייט אַריבער די גאַס, פאַרקערעוועט אויף לינקס. גוט. ער וועט גליקלעך דערגיין. (פאַרציט גענוי דאָס געדיכטע טוך צוריק איבערן פענצטער. קערט זיך אום צו אננאַן. נעמט זי אַרום) מיר וועלן עס דערלעבן! מיר מוזן עס דערלעבן! (קושט זי) אננא — באַלד קומט צו אונדז אַ גאַסט. (ער גייט אָנצונדן דאָס ליכט).

אַ נ נ אַ: (מיט ווייטיק) אַ גאַסט... און וואָס איז מיט העלענען? אַזוי פיל צייט, און קיין וואָרט נישטאָ פון איר. קיין צייכן.

י אָ ה אַ ן: איידער דו קוקסט זיך אַרום, איז זי דאָ!

א נ נ א: (אויסער זיך) דו שפּאַסט נישט, יאָהאַן! זי איז דאָ! וווּ איז זי?

י אָ ה אָ ן: (צאַרט) רויק, אננא.

א נ נ א: אָ!

העלענע באַווייזט זיך אין טיר. אַננאַ לויפט איר אַנטקעגן. זיי פאַלן זיך אין די אָרעמס.

א נ נ א: העלענע!

זיי קושן זיך.

פ ו י ז ע

א נ נ א: אזוי לאַנג האָסטו געלאָזט וואַרטן אויף זיך! (טוט איר אויס דעם מאַנטל) יאָהאַן זאָל עס א וואָרט דערמאָנען פריער.

י אָ ה אַ ן: איך האָב געהאַלטן פאַר ריכטיקער, איר זאָלט זיך נישט טרעפן.

א נ נ א: איך האָב אזוי פיל איבערגעקלערט! (צו העלענען) וואָס ביסטו איצט אזוי אומעטיק? דו פרייסט זיך גאָרנישט מיט מיר! איך בין אזוי גליקלעך! קום זעץ זיך.

אלע דריי זעצן זיך צום טיש. אַננאַ קוקט אויף יאָהאַנען און העלענען. דער שמייכל פאַרשווינדט פון איר געזיכט. א געוואַלטיקע אומרויקייט באַהערשט זי. זי באַמיט זיך צו אונטערדריקן זי.

י אָ ה אַ ן: (צו העלענען) מע האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דיינע באַמיהונגען אָפּצוזוכן אונדז; וועגן דייך ארבעט...

ה ע ל ע נ ע: איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז מאָנאַטנלאַנג וועט נעמען ביז איך וועל אייך אויפזוכן.

פ ו י ז ע.

א נ נ א: (בלאַס. שטיל) האָסטו א סך צו דערציילן, העלענע? דערצייל.

ה ע ל ע נ ע: (קוקט ווייט פאר זיך) וואָס זאָל איך דערציילן דיר, אננא?

א נ נ אַ: דערצייל דאָס, וואָס איך מוז וויסן. ז יי ל ע ב ן?

ה ע ל ע נ ע: זיי זיינען נישטאָ מער צווישן אונדז. ווען איך בין אַרויסגעפאָרן פון דער היים, נאָכן דערהאַלטן דעם פאָטערס בריוו, איז די מאַמע שוין נישט געווען.

אַננאַ בייגט אראָפּ דעם קאָפּ. פאַרבאַהאַלט דאָס געזיכט אין די הענט.

מיין מוטער האָט מיטגעהאָלפן צו דעם. איך האָב זי נישט געקאָנט, די מוטער. כ'בין דאָך געפאָרן צו איר וועגן הילף. עריק איז געווען מיט מיר — ער האָט געטוי נישט געוווּסט דעם ציל פון מיין רייזע.

איך האָב געמיינט, אז איך וועל געפינען ביי אים מיטהילף, ליידער! איך האָב איבערגעריסן מיט זיי.

אַננאַ שטייט אויף. זי גייט צום פענצטער און בלייבט שטיין מיטן רוקן צום טיש. זי ווישט מיט א טיכעלע די אויגן, דאָס געזיכט, וואָס איז ביי איר פאַרגאָסן מיט טרערן.

א נ נ א: ווי אזוי האָט ער אויסגעזען?

ה ע ל ע נ ע: שטאַרק געעלטערט.

א נ נ א: עלנט. אָרעם. פאַרלאָזן.

ה ע ל ע נ ע: ער איז געווען אַלץ מיט זיינע האָפענונגען. מיט זיין גלויבן. ער איז זיכער געווען, אַז אַרויסגעפירט פון טאָפּ האָבן אים עס־עס־אָוועס אויס מענטשלעכקייט. זיין איינציקע זאָרג איז געווען — די טאַנטע ראָזאַ... ער האָט נישט געוווּסט, אז...

פ ו י ז ע.

אַננאַ קערט זיך אום פון פענצטער. זי גייט צו העלענען. העלענע שטייט אויף פון אָרט.

אַ נ נ אַ: (נעמט זי אַרום) נו, וואָס? זיי זיינען אומגעקומען, ווי הונדערטער טויזנטער אנדערע. (העלענע צעווייַנט זיך) באַרויק זיך, העלענע. מ י ר האָבן דאָך אנדערש געוואָלט.

אַננאַ פירט זי, האַלב ארומגענומען, צום צווייטן צימער. ביידע אָפּ.

יאָהאַן לעשט אוים דאָס ליכט אין צימער ער מייסטרעוועט ביי דער וואַנט אונטערן פענצטער-פאַראַפּעט. א רויט לעמפעלע צינדט זיך אָן. עס הערט זיך אַ שטיל גערויש פון אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

פון צווייטן צימער קומען אַריין אַננאַ און העלענע.

א נ נ א: (פליסטערט) שוין?

י אָ ה אַ ן: (שטיל) נאָך צוויי־דריי מינוט.

אין דרויסן צעוואָיען זיך די אלארם-סירענעס. עס הערט זיך דער רויש פון שווערע לופט-מאָטאָרן, וואָס דערנענטערן זיך. א מעכטיקער אויפרייס הערט זיך פון נישט ווייט. יאָהאַן פארהייבט פאָרזיכטיק דאָס טוך, וואָס פאַרהענגט דאָס פענצטער.

דאָס צימער ווערט פאַרפליצט מיט אַ רויט ליכט פון אַ
נאָנטער מעכטיקער שריפה, וועלכע באַלויכט שאַרף די קאָנ-
טורן פון די גאָטישע געביידעס אין שטאָט.
אַננאַ, יאָהאַן און העלענע שטייען אַרומגענומען, פאַרגאָסן
פון דעם רויטן ליכט און קוקן ווי פאַרגאַפט צו דעם פייער,
וואָס מיט יעדן וויטערדיקן אויפרייס ווערט עס אַלץ
שטאַרקער און שטאַרקער.
פון ראַדיאָ-אַפּאַראַט דערגייען ווייטע טענער פון סאָוויעטישן
הימן...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

ליגניץ — דזשערזשאָניאָוו — װראָצלאַװ 1947/48 — 1950

ביכער דערשינען אין פארלאג „יידיש בוך“
ביים צ״ק פון די יידן אין פוילן

1. „מלכות געטאָ“ — נאָוועלן פון ישעיהו שפיגל
2. „דער מענטש וועט גוט זיין“ — משלים פון ל. אַליצקי
3. „מיט אַש אויפן קאָפּ“ — לידער פון א. זאַק
4. „אויף די חורבות“ — פּאָעמע פון חיים גראַדע
5. „אַ בוים אין ווינט“ — דערציילונגען פון י. אַקרוטני
6. „מלך שאול“ — ביבלישע טראַגעדיע פון י. אשענדאָרף
7. „יידן אָן געלע לאַטעס“ — סקיצן פון ה. סמאָליאַר
8. „דער אָפּגרונט רוישט“ — לידער פון גוטע גוטערמאַן
9. „אַ ייד צווישן פויערים“ — פּיעסע פון ש. דיאַמאַנט
10. „דורך שאָטן און שיין“ — לידער און פּאָעמען פון בינעם העלער
11. „אַ פענצטער צו דער וועלט“ — לידער פון פסח בינעצקי
12. „צו לויטערע ברעגן“ — לידער פון רייזל זשיכלינסקי
13. „רואינען אין זון“ — לידער פון לייב מאָרגנטוי
14. „אין אַ פוסטער שטאָט“ — דערציילונגען פון יצחק גוטערמאַן
15. „דער וועג פון פיין“ — דערציילונגען פון ד. האָפנונג
16. „שרייבער און ביכער“ — קריטיק פון דוד ספאַרד
17. „פלעמלעך אין דער נאַכט“ — לידער פון לייבל קופּערשמיד

18. „משלים־בוך" — פון ל. אַליצקי

19. „יידישע שרייבער אין דער היים" — עסייען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי

20. „דער מענטש האָט געזיגט" — א כראָניק פון א. גאָזשאַנסקי

21. „און געוואָרן איז ליכט" — לידער פון ישעיהו שפּיגל

22. „פרילינג אין פוילן — לידער פון בינעם העלער

23. „די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער" — פון ש. לאַסטיק

24. „די יידישע טראַגעדיע אין דער פוילישער ליטעראַטור" פון ב. מאַרק.

25. „פון קרילאָווס משלים" — ל. אַליצקי.

26. „געזאַמלטע שריפטן" פון י. מ. ווייסנבערג.

27. „אַלמאַנאַך פון דער פוילישער ליטעראַטור.

28. „אויף היימישער ערד" — פון וו. ה. איוואַן.

29. „פעלדער גרינען" — פון א. רייזמאַן.

רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג:

ל. אַליצקי ד. ספּאַרד

Cena 3 zł.

פאַרלאַג ״יידיש-בוך״